STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01553

MOSHEH GINZBURG

Moshe Ginzburg

Permanent preservation of this book was made possible
by Glenn & Alice McDonald
in memory of
Og & Fred McDonald who passed away in 2000

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גינזבורג

זיין לעבען און טעטיגקייט

מיט איין פארווארט פון הענריך סליאזבערג

ארויסגעגעבען פון די פריינד פון מ. ג י נ ז ב ו ר ג

פאריז
1935

משה גינזבורג אין 1900

הקדמה.

זייער זעלטען זיינען די פערזאָנען, וואָס זייער לעבען ענטהאַלט אין זיך אַ מענשליכען דאָקומענט. דאָך זיינען אַזעלכע פאַראַן; און דאָס לעבען פון מאָיסיעי אַקימאָוויטש גינזבורג, וועגען וועלכען עס ווערט דערציילט אין דעם בוך, איז טאַקע איינע פון אָט־די ערשייַנונגען, פול מיט ברוויזענדען אַקטיוויטעט.

די לעבענס־בעשרייבונג פון מאָיסיעי אַקימאָוויטש גינזבורג האָט די ווערדע פון אַ מענשליכען דאָקומענט. זי ענטהאַלט אין זיך אַ גלענצענדען ביישפּיל פון די רעזולטאַטען צו וועלכע עס קען דער־גרייכען אויפ׳ן פּראַקטישען געביט, די ענערגיע, ווען זי ווערט אָנגעפירט דורך דעם גלייכען שכל.

אָבער די אמת׳ע בעדייטונג פון דער ערצעהלונג בעשטייט אין דער בעשרייבונג וועגען יענער טעטיגקייט, וועלכע איז אין אַ משך פון מער ווי אַ האַלבען יאָהרהונדערט דיקטירט געווען דורך אַ פיהלענדע האַרץ, וואָס איהר גרעסטע נויטווענדיגקייט איז געווען זיך אויסצודריקען אין ליבע און צדקה, פאַרגרינגערען די ליידען און אָרימקייט אומעטום וואו זיי געפינען זיך.

ווי עס דרינגט אַרויס פון זיין לעבענס־בעשרייבונג איז מ. אַ. גינזבורג דער אמת׳ער טיפּ פון אַ self made man.

נאָר אַ דאַנק זיין אומערמידליכער ענערגיע האָט ער דערגרייכט, אין דער יוגענד נאָך, די ציעלען צו וועלכע ער האָט געשטרעבט און האָט גובר געווען אַלע שטערונגען וואָס ער האָט געטראָפען אין

וועג. אָט די ענערגיע איז במשך פון זיין לאַנגען לעבען ניט אָפּגע־שוואַכט געוואָרען. זיין גליק איז געווען איינג פאַרבונדען מיט דער שטרעבונג צו מאַכען גליקלאַך אויך אַנדערע. זיין וואוילשטאַנד האָט זיך געמאָסטען נאָר מיט דעם, וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיין נאָענטען.

דער דאָזיגער בוך, וועלכער גיט אונז אַ ריכטיגען בילד פון מ. אַ. גינזבורג׳ס לעבען און שאַפען, האָט אַ גרויסע בעדייטונג. ווער נאָר עס וועט איהם לעזען, וועט גלייך זאָגען: „אָט, אַזוי דאַרף מען לעבען און אַרבייטען“. דאָס לעבען וואָלט זיין פיעל גרינגער, ווען אויף דער וועלט וואָלטען געווען וואָס־מער אַזעלכע.

פאָרשטעלען זיין בילד, דערציילען וועגען זיין שאַפען — דאָס איז געווען, פאַרעפענטליכענדיג די ביאָגראַפיע, דער ציעל פון מ. א. גינזבורג׳ס פריינד, וועלכע האָבען געהאַט די מעגליכקייט, במשך פון אַ סך צענדליגער יאָהרען, צו זיין עדות פון דאָס, וואָס ער האָט אויפגעטאָן.

ה ע נ ר י ך ס ל י אָ ז ב ע ר ג.

מארגאריטא פּאוולאָווגאַ גינזבורג

קאפיטעל 1.

מיר אידען רופען זיך „רחמנים בני רחמנים“ און מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם נאָמען.

די מדה פון רחמנות איז ביי אונז איינגעפלאַנצט געוואָרען פון אברהם אבינו אָן. עס איז ביי אונז ניטאָ קיין איין איינציקע אידישע קהלה, ווי קליין זי זאָל ניט זיין, וועלכע זאָל ניט האָבן קיין חברה פון „עוזר דלים“, „סומך נופלים“, „גמילת חסדים“ און דאָס גלייכען.

דער נגיד, אָדער דער בעל הבית דער קמצן, דער קאַרגער, וואָס האָט קיין צדקה ניט געוואָלט געבען נאָך זיין ערך נאָך, איז ביי אונז שטענדיג געווען צו שאַנד און צו שפּאָט.

דאַגעגען דער „בעל צדקה“, דער „מכנים אורח“ איז ביי אונז שטענדיג פאַרעכענט געוואָרען אַלס איינער פון די אָנגעזעהענסטע אין דער קהלה.

פון גאָר די גרויסע בעלי צדקה איז כמעט אין יעדער קהלה פאַראַן גאַנצע לעגענדעס, וועלכע פלעגען איבערגייען פון דור צו דור און זייערע נעמען זיינען געקרוינט געוואָרען מיט כבוד און לויב.

איינער פון אונזערע גרויסע, מען קען זאָגען פון אונזערע גרעסטע פילאַנטראָפּען, וועלכע מיר קענען אויפווייזען ביי אונז אין דער אמאָליגער רוסלאַנד אין די לעצטע צענדליגער יאָהרען פון פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט און אין די ערשטע צענדליגער יאָהרען פון דעם

יעצטיגען יאָהרהונדערט, איז ר' משה בר' עקיבא גינזבורג, וועלכער איז בעקאַנט אין דער וועלט מיט דעם נאָמען: „דער פּאָרטאַרטורער גינזבורג". זיינע גרויסע מעשים האָבען פאַרדינט זיי זאָלען בע־שריבען ווערען און ניט פערלאָרען געהן, אָבער גלייכצייטיג איז זעהר אינטערעסאַנט צו קענען די גאַנצע ביאָגראַפּיע פון דעם זעלטענעם מאַן, וועלכער קען זיין אַ מוסטער פאַר פיעל אַנדערע.

כ' כסלו שנת תרי"ב (19 דעקאַבר 1851) איז אין דער שטעדטיל ראַדזיווילאָוו, וואָהלינער גובערניע, ביי דער אָרימער יידישער פאַמיליע מעם געבאָרען געוואָרען אַ אינגעל.

דעם פאַטער האָט מען גערופען עקיבא, דער מוטער ראַסיע און דעם איגעל האָט מען געגעבען אַ נאָמען משה מענדעל נאָך די זיידעס פון ביידע צדדים.

געוויס האָט דאָס נייגעבאָרענע קינד ניט אַריינגעבראַכט קיין גרויסע שמחה אין הויז, ווייל די עלטערען — ווי געזאָגט — זיי־נען געווען אָרים און האָבען מיט מאַטערניש פאַרדינט זייער טרוקען ברויט.

ווי דער שטייגער איז געווען צו יענער צייט, האָט מען דעם אינגעלע משה צו 5 יאָהר אָפּגעגעבען אין חדר. ווי לאַנג משה'לע האָט געלערענט אין חדרים, ווער זיינען געווען זיינע מלמדים, וואָס האָט ער דאָרט געלערנט — דאָס געדענקט ניט ה' משה גינזבורג, אָבער ניט ווייל זיין זכרון איז אָבגעשוואַכט, נאָר ווייל נאָך אַלס קינד האָט ער זיך זעהר ווייניג דערמיט אינטערעסירט: ער איז געווען אַ גרויסער שטיפער און האָט ניט געוואָלט לער־נען.

פון חדר פלעגט דער קליינער משה'לע אָפט אַנטלויפען, פאַר וואָס ער פלעגט שטאַרק בעשטראָפט ווערען פון די מלמדים און אויך פון די עלטערען — אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. גע־וויינליך האָט דאָס פאַרשאַפט זעהר פיעל צער זיינע עלטערען וועלכע, ווי אַלע עלטערען צו יענער צייט, האָבען געוואָלט, אַז זייער קינד זאָל זיין אַ וואויל לערנער און בעזונדערס ווען מען

האַט געזעהן, אַז דער אינגעל האָט זעהר אַ גוטען פאַרשטאַנד און איז פעהיג.

ווען די עלטערן האָבען סוף כל סוף איינגעזעהן, אַז דער אינגעל וויל דאָך אין חדר ניט געהן, האָבען זיי מיט עגמת־נפש בעשלאָסען איהם אוועקצופיהרען צום פעטער אין ווינניצא און דאָרט איהם אָפּגעבען אין אַ קלייט (ביי זיך אין שטעדטעל האָבען זיי זיך געשעמט). משה'לע איז דאַן אַלט געווען עלף יאָהר. און צו עלף יאָהר איז אונזער משה'לע געוואָרען זעלבסטשטענדיג און האָט אָנגעהויבען צו פאַרדיענען אויף זיין אייגענעם לעבען. ער האָט געדיענט אַלס לעהר־אינגעל אין אַ קלייט און פאַר זיינע שווערע ארבייט האָט ער בעקומען עסען אין קיך פון זיין בעל הבית און דערצו נאָך 3 רובל אַ חודש געהאַלט.

ווען ער האָט אָבער געדאַרפט ווערען בר־מצוה, האָבען איהם די עלטערען צוריק גענומען אין ראַדזיווילאָוו. דאָרט האָט ער בעזוכט די פאָלקס־שולע, וואו ער האָט אָנגעהויבען צו לערנען לעזען און שרייבען רוסיש.

בכדי אָבער ער זאָל ניט פאַלען צו לאַסט זיינע עלטערען, האָט ער גלייכצייטיג גענומען זוכען פאַר זיך בעשעפטיגונג אין דער פרייער צייט פון שולע, און האָט עס גלייך געפונען.

ראַדזיווילאָוו, ווי בעוואוסט, איז אַ גרענעץ־שטאָדט און דאָרט געפינט זיך דער צאָהל־אַמט. און אַזוי ווי פיעל הענדלער, וועלכע פלעגען דאַרפען דאָרט אויפן אָרט שרייבען קוויטונגען, אַדרעסען, השבונות און דאָס גלייכען, איז אונזער משה'לע געוואָרען זייער „שרייבער" און אויף אַזאַ אופן פלעגט ער פאַרדינען יעדען טאָג 20 אָדער 30 קאָפּיקעס. דאָס פלעגט ער ברענגען אַ היים און אָפּגעבען זיינע עלטערען, וועלכע האָבען פון דעם געהאַט אַ שטיקעל שטיצע.

דער יונגער משה האָט אָבער ניט געקענט איינזיצען אין דער קליינער שטעדטעלע, איהם האָט געצויגען אין דער גרויסער וועלט אריין.

איינמאָל, אַ פֿריהמאָרגען, האָט ער ערקלערט, אַז ער וויל אויס־פּרוּווען זיין מזל אין אַדעס, וועלכע האָט געשמ'ט מיט איהר גרויסען האַנדעל און רייכקייט.

זיינע עלטערען האָבען זיך ניט געשטעלט געגען דעם וואונש; זיי האָבען אַליין איינגעזעהען, אַז אין ראַדזיווילאָוו וועט זייער קינד גאָרניט דערגרייכען, אָבער ווי לאָזט מען אַ קינד אין אַזאַ וויטען וועג אָן געלט און אָן בעקאַנטשאַפֿט?

דאָס האָרץ האָט זיי ווי געטאָהן, אָבער משה'לע — אַ 15־יאָה־ריגער איינגעל — האָט גענומען אונטערן אָרעם אַ קליין פּעקעלע וועש מיט עסענוואַרג און איז אַוועק צופֿוס, ווייל צו בעצאָהלען אַ בעל־עגלה האָבען זיינע עלטערען ניט פֿאַרמאָגט.

קיין שרעקעדיגער איינגעל איז משה ניט געווען. אַ פֿרעהליכער פֿון נאַטור, פֿול מיט ענערגיע און מוט, האָט ער זיך זעהר ווייניג געקימערט, וואָס ער האָט אַזאַ וויטען וועג צו געהן. ביי טאָג איז ער געגאַנגען, ביי נאַכט האָט ער געפֿונען וואו־ניט־איז אַ אומ־זיסטען נאַכטלעגער און אַזוי האָט ער דעם וועג דורכגעמאַכט ביז ער איז אָנגעקומען קיין קישיניעוו.

דאָ האָט ער צופֿעליג בעגעגענט אַ בעקאַנטען פֿון זיינע על־טערען, וועלכער, צוזעהענדיג אין וואָס פֿאַר אַ שווערען מצב דער איינגעל געפֿינט זיך, האָט איהם עטוואָס געלט געגעבען, ער זאָל קענען קויפֿען לכל הפּחות עסענוואַרג, כדי ער זאָל ניט דאַרפֿען ליי־דען קיין הונגער אויף דעם צווייטען טייל פֿון זיין וועג.

ווייטער געגאַנגען, וויפֿיעל צייט, געדענקט שוין מעהר ניט אונ־זער ווירדיגער זקן. ער געדיינקט אָבער וואָס פֿאַר אַן'אונגעהויערן איינדרוק אָדעס האָט אויף איהם געמאַכט ווען ער האָט איהר נאָך פֿון ווייטען דערזעהן.

אָן שרעק, אָן פֿערצווייפֿלונג — נאָר פֿאַרקערט — מיט פֿרייד און גרויס בטחון איז ער אַריין אַ פֿאַרמאַטערטער און אַ פֿאַרהונ־גערטער אין דער טומעלדיגער אָדעס און האָט זיך טאַקע דאָרט ניט פֿאַרלוירען.



משה גינזבורג

די שוועסטער פון ה׳ משה גינזבורג

די מוטער פון ה׳ משה גינזבורג

ווי ה׳גינזבורג דערמאָנט זיך, האָט ער ביי זיך געהאַט אַנ־אַדרעס פון זיינעם אַ געוועזענעם חבר פון ראַדזיווילאָוו און ביי זיין אָנקומען אין אָדעס, האָט ער זיך גלייך צו איהם געווענדעט ער זאָל פאַר איהם אויסזוכען עפּעס אַנ׳אַרבייט.

עס האָט טאַקע גאָר ניט לאַנג געדויערט און משה האָט געפונען אַ שטעלע אַלס „שרייבער" ביי אַנ׳אַלטען מאַן, וועלכער האָט איהם, משה׳ן, זייער ליב געקראָגען. ער האָט געהאַט ביי איהם איבערצושרייבען פאַרשיעדענע דאָקומענטען און פּאַפּירען. דערפאַר האָט ער בעקומען עסען און טרינקען און דערצו נאָך אַ קליינעם געהאַלט וואָס איז געוועזען פולשטענדיג גענוג פאַר זיינע הצטרכות׳ן. אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין געהאָרכזאַמקייט און פּינקטלעכקייט, האָט ער איינגיכען בעקומען אַ בעסערע שטעלע ביי אַ געוויסען אַנגעזעהענעם סוחר האַרטענשטיין, וואו ער האָט שוין בעקומען גאַנצע 20 און גלייך נאָכדעם 25 רובל אַ חודש. דאָס איז שוין געווען אַ גאַנצער קאַפּיטאַל פאַר איהם. פון דעם האָט ער פּינקטליך אָנגעהויבען צו שיקען יעדען חודש אַ געוויסע סומע זיינע אָרימע עלטערען, מיט וועלכע ער פלעגט שטענדיג קאָרעספּאָנדירען. בעזונדערס האָט ער זיך אָפט צוזאַמענגעשריבען מיט זיין מוטער, צו וועלכער ער איז געווען מעהר צוגעבונדען, ווייל אַלס קליין קינד האָט זי איהם שטענדיג צאַרטער בעהאַנדעלט ווען ער פלעגט פון חדר אַנטלויפען אָדער אַנדערע שטיפעררייען בעגיין.

צוויי יאָהר האָט ער פלייסיג געאַרבייט אין אָדעס; די פרייע צייט האָט ער אויסגענוצט אויף לעזען, שפּאַצירען, בעקענען זיך מיט דער שטאָדט און דער סביבה. שבת און ימים־טובים, ווען ער איז פריי געווען פון זיין אַרבייט, פלעגט ער פלייסיג בעזוכען די בראָדער שוהל, אין וועלכער עס האָבען שטענדיג געדאַווענט די בעריהמטסטע חזנים מיט זייערע משוררים. עס איז צו בעוואונדערען וואָס אפילו יעצט, ווען אונזער ווירדיקער זקן איז שוין אַלט 81 יאָהר, קען ער נאָך ניט פאַרגעסען דעם שטאַרקען איינדרוק וואָס די

שוהל מיט די תפילות האָבען אויף איהם געמאַכט; ער דאַרף נאָר עטוואָס צומאַכען די אויגען, זעהט ער גלייך די שוהל פאַר זיך און הערט דעם שיינעם געזאַנג וואָס הילכט נאָך היינט אָפּ אין זיינע אויערן.

אַזוי זיינען אַוועק 2 יאָהר. ער איז שוין אַלט געוואָרען 17 יאָהר און דאַן האָט ער ווידער חשק בעקומען צו זוכען עפּעס בעסערס און גרעסערס אין דער ברייטער וועלט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ביי זיין אַרבייט אַלס „שרייבער" וועט ער ניט געהן זעהר ווייט. פאַר וואַנדערן אָן געלט, אַליין אין דער פרעמד, האָט ער שוין יעצט קיין מורא ניט געהאַט — דאָס האָט ער שוין פאַרזוכט, ווען ער איז געווען קלענער, יונגער און שוואַכער. יעצט אָבער האָט ער בעשלאָסען זיין גליק ערגעץ ווייטער צו זוכען; ער האָט געהערט, אַז פיעל זיינען אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקא און עס האָט איהם אָנגעהויבען צו ציהען אַהין. ער האָט געגלויבט, אַז מיט זיין ענערגיע פון איין זייט און זיין בעשיידענהייט פון דער אַנדער זייט, וועט ער ניט פערלאָרען געהן און ער וועט זיך אַן עצה געבען אין יעדען מצב.

ער בעשליסט גיך און, איידער ער פערלאָזט רוסלאַנד, קומט ער אויף אַ קורצע צייט צוריק קיין ראַדזיווילאָוו, כדי זיך זעגענען מיט זיינע עלטערען און משפחה, ווייל ער ווייס, אַז די יעצטיגע רייזע איז ניט אויף איין יאָהר נאָר אויף יאָהרען־לאַנג, און גאָט ווייס צו מען וועט זיך נאָך אַמאָל זעהן.

מיט עטליכע רובל אין קעשענע קומט ער קיין האַמבורג און דאָ ערשט הויבט ער אָן צו טראַכטען ווי צו פאַרדינען אויף די הוצאות קיין אַמעריקא.

דאָ איז דעם בחור'ל געשעהן אַ גליק. ער האָט געקויפט אַ בילעט אויף אַ לאָטעריי און האָט געוואונען עטליכע הונדערט מאַרק. מיט אַזאַ פאַרמעגען האָט ער זיך בעקליידט, און איז אַוועקגעפאָרען קיין ליווערפּול, אָבער דאָ געהט איהם אויס דאָס געלט.



די גרויסע שוהל (בית הכנסת) אין ראַדזיווילאָוו

ניט לאנג טראכטענדיג, בעשלאסט ער אנצוקומען אלס „יונג" אין א זעגעל־שיף, וועלכע געהט קיין אמעריקא.

דעם גאנצען טאג האט דער „יונג" געראַרפט אויסשעפען וואַסער פון שיף — א זעהר שווערע ארבייט פאר אזא עלטער — אבער ער האט ניט ליעב געהאט צו בעקלאגען זיך און דאס וואלט איהם טאקע ווייניג גוצען געבראכט. דער „יונג" ארבייט פלייסיג און דערפאר האט ער זיין רייזע אומזיסט און בעקומט נאך עסען און טרינקען.

גאנצע 46 טעג דויערט די לאנגע וועג. מען לעבט איבער גרויסע שטורעמס און פיעל שלאפלאזע נעכט — פאר א איינגעל, וועלכער האט נאך ניט דורכגעמאכט קיין ים־נסיעה איז דאס ממש טויט־שרעק — אבער אונזער משה טראגט אלץ רוהיג אריבער.

צווישען אלע דיענער און „יונגס" זיינען דארט געוועזן נאר צוויי אידען, ער און איינער אַן־עלטערער. די שפראך האט ער ניט געקענט און האט זיך דעריבער ניט געקענט צוזאמענריידען, אבער, וויל ער איז געוועזן א פרעהליכער און א פלייסיגער איינגעל, האבען איהם די מאטראסען ליעב געקראגען און זיי האבען איהם גוט בעהאנדעלט.

ענדליך, אין א גראשען געלט, קומט ער אן קיין ניו־יארק. ער געהט אראפ פון שיף, מיעד פון דער לאנגער וועג, שמוציג און פארשטויבט אזוי, אז ער האט גאנץ שרעקליך אויסגעזעהן.

אבער גלייך פון שיף אראפגעהענדיג האבען איהם בעגעגענט אייניגע אידען וועלכע האבען אויף איהם רחמנות געקראגען. די ערשטע זאך האבען זיי איהם אוועקגעפירט אין א מרחץ, וואו ער האט זיך אויסגעבאדען, אויסגעוואשען און איז גאר אַנ׳אַנדער מענש געווארען.

די זעלבע מענשען האבען איהם אויך עסען געגעבען און איהם גלייך פארזארגט מיט נויטיגע קליינע ארבייט, כדי ער זאל לכל הפחות פארדיענען זיין ברויט און זיין נאכטלעגער.

שפעטער האט ער זיך צופעליג בעקענט מיט איינעם, וועלכער

האַט זיך אַרויסגעוויזען אַלס זיינער אַ ווייטער קרוב. דעם קרוב'ס פאַמיליע־נאָמען איז געווען גינזבורג.

ליידער האָט איהם דער קרוב מיט גאָרניט געקענט העלפען. דאָס איינציגע וואָס ער האָט פאַר איהם געטאָהן איז געווען וואָס ער האָט איהם געגעבען אַנ'עצה איבערצומאַכען זיין פאַמיליע־נאָמען „מעס" אויף גינזבורג, ווייל דער נאָמען „מעס" קלינגט ניט גוט.

אונזער משה האָט דאָס גלייך אָנגענומען און פון דאַן אָן איז ער איבעראַל פאַרשריבען געוואָרען מיט דעם נאָמען גינזבורג.

אין ניו־יאָרק הויבט ער אָן צו אַרבעטן ביי אַ שניידער און בעקומט זיין לוין 6 דאָלאַר אַ וואָך. ער אַרבייט אויך אַלס גלעזער און נאָך אַ פּאָר חדשים פאָרט ער אַוועק קיין טשיקאַגאָ, ווייל מען האָט דערצעהלט, אַז נאָך דער גרויסער שריפה, וואָס איז פאָרגעקומען איז דאָרט יעצט פאַראַן זעהר פיעל אַרבייט, וועלכע ווערט זעהר גוט בעצאָהלט.

טשיקאַגאָ אָבער געפעלט איהם עפּעס ניט; ער בלייבט דאָרט נאָר אַ קורצע צייט און בעשליסט צו געהן קיין סאַן פראַנציסקאָ. איך זאָג „צו געהן" פשוט כמשמעו, ווייל אויף צו פאָהרען האָט ער קיין געלט ניט.

און ער הויבט אָן צו געהן. גאַנצע 8 חדשים איז ער געווען אין וועג. זיין ברויט האָט ער פערדיענט דורך האַקען האָלץ, דורך העלפען טראָגען קלעצער ביים אייזענבאַהן. נעכטיגען פלעגט ער וואו עס האָט זיך געמאַכט: אונטערן פרייען הימעל, אין שטאַהלען א. א. וו.

איין מאָל, דערצעהלט ה' גינזבורג, איז ער דורכגעגאַנגען אַ קליין שטעדטעל (דעם נאָמען פון שטעדטעל האָט ער פאַרגעסען), האָבען אייניגע אידען, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי זייערע אָפענע קראָמען דערקענט אין איהם, אַז ער איז אַ פרעמדער אידישער אינגעל. זיי האָבען איהם אַ פרעג געטאָן ווער ער איז. ווען ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז אַ איד, און דערצו נאָך האָט ער זיי

געזאָגט אַ פּסוק פון חומש, האָבען זיי זיך דערפרייט, האָבען איהם אויסגעפרעגט פון וואַנען ער איז און וואוהין ער געהט. זיי האָבען איהם געגעבען עסען און טרינקען, האָבען איהם געלאָזען זיך גוט אויסוואַשען, געגעבען גאַנצע זאַכען, ווייל ער איז געווען אָפּגעריסען פון אַזאַ ווייטען וועג.

געוויינליך האָט ער זיי אַלץ דערציילט און היות ווי ער איז זיי געפעלען געוואָרען פאַר אַ קלוגען אינגעל, האָבען זיי איהם אָנ־געהויבען צוצורעדען ער זאָל ביי זיי בלייבען און זיי וועלען שוין פאַר איהם זאָרגען ער זאָל ביי זיי האָבען בעשעפטיגונג.

משה אָבער, וועלכער האָט פאַרלאָזען אָדעס, ניו־יאָרק און טשי־קאַגאָ, וויל דאָך אָבער ניט בלייבען אין קיין קליין שטעדטעל. ער בעדאַנקט זיי הערצליך פאַר זייער פריינדליכע התקרבות און לאָזט זיך ווייטער אין וועג. דאָס מאָהל האָט ער שוין וועש, קליידער, עטוואָס געלט און עסענוואַרג. ער וואַנדערט ווייטער און פיהלט זיך דערביי גאַנץ מונטער. די שווערע אַרבייט דורך וועלכע ער מוז פאַרדינען זיין ברויט, די פרישע לופט וואו ער געפינט זיך טאָג און נאַכט, קרעפטיגען זיין קערפער און ענטוויקלען זיינע מוסקולען.

ענדליך, אין דעם משך פון 8 חדשים, דערגרייכט ער זיין ציעל — ער איז אין סאַן פראַנציסקאָ. ער האָט קיין איין סענט ניט אין קעשענע אָבער — איז מונטער און פול מיט האָפענונג.

אין סאַן פראַנציסקאָ איז ער עלענד ווי אַ שטיין. דאָס אָבער שרעקט איהם ניט אָפּ. ער געהט פאַרביי אַ גרויסע קראָם, זעהט אויפ'ן שילד דעם נאָמען פון בעל הבית און ער בעשליסט, אַז די קראָם געהערט צו אַ אידען. ער געהט דאָרט אַריין און ווענדעט זיך גלייך צום בעל־הבית מיט דער בקשה, ער זאָל איהם לייען אַ דאָ־לאַר. ער האָט ניט געבעטען שענקען איהם, נאָר אַנטלייען. דאָס איז דעם קרעמער זעהר געפעלען געוואָרען. ער האָט איהם אויסגע־פרעגט ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט און מיט אַ שמייכעל האָט ער איהם געבאָרגט דעם געבעטענעם דאָלאַר.

פאר דעם דאָלאַר האָט ער גלייך געקויפט יאפּאַנישע שטרייענע בעבערס און געשטעלט זיך אויפ׳ן גאַס צו פארקויפען זיין סחורה.

דער יונגער משה גינזבורג איז געווען גליקלעך צו זעהן, אז ער מאַכט גוטע געשעפטען. די ערשטע זאַך איז געווען אָפּצוגעבען מיט דאַנק דעם געליענעם דאָלאַר. קוים האָט ער אויפגעקליבען איינינגע דאָלאַר פרנסה, האָט ער אָנגעהויבען צו פערקויפען צווישן די בי־נעזער נאָך אַנהערע ביליגע סחורות און האָט גוט פאַרדיענט צום לעבען.

3 יאָהר נאָכאַנאַנד האָט ער שווער געאַרבייט און „געמאַכט א לעבען", ווי מען זאָגט אין אַמעריקא. ער האָט שטענדיג זעהר ראַיעל געהאַנדעלט און האָט זיך דעריבער זעהר בעליעבט געמאַכט ביי זיינע קונדען, וועלכע האָבען איהם שטענדיג געגלויבט אויף זיין וואָרט.

נאָך 3 יאָהר אָנגעשטרענגטע אַרבייט איז איהם געבליבען 90 דאָלאַר און מיט דעם קאַפּיטאַל האָט ער באַשלאָסען צו פאָהרען קיין כינא. פאַר 85 דאָלאַר האָט ער געקויפט א בילעט פון דריטער קלאַס און 5 דאָלאַר איז איהם געבליבען. די דאָזיגע רייזע, אין פערגלייך ווי ער איז צוריק מיט איינינגע יאָהר געפאָהרען מיט דעם זעגעל שיף פון ליווערפּול קיין אַמעריקא, איז געווען ממש א פירשטלעבע. ער איז שוין געפאָהרען ווי א פּאַסאַזשיר — ניט ווי א „יונג".

אויפ׳ן ווייטען וועג האָט זיך די שיף אויף א קורצע צייט אָפּגעשטעלט אין יאפּאַן, אין יאָקאהאמא. די גרויסע, שיינע שטאָדט איז איהם זעהר שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער האָט שנעל בע־שלאָסען דאָ צו פערבלייבען.

ער האָט אפילו ביי זיך ניט געהאַט מעהר ווי זיינע 5 דאָלאַר, אָבער אַזוי ווי ער האָט פליסיג גערעדט 3 שפּראַכען: רוסיש, דייטש און ענגליש, איז איהם לייכט געווען צו געפינען גלייך א שטעלע, טאַקע דאָרט אין יאָקאהאמא, אין א אויסלענדישען מאַגאַזין פון מאַטעריאַלען פאַר שיפען. דאָס איז געווען אין יאָהר 1875. אַנדער־

דער אידישער „בית עולם" אין ראדזיווילאָוו

האַלבען יאָהר האָט גינזבורג טריי אָפּגעדיענט אין דעם מאַגאַזין און האָט אָנגעקליבען פאַר דער צייט 250 יען. די סומע איז טאַקע געווען ניט קיין גרויסע, דערפאַר אָבער האָט ער פאַר דער צייט געמאַכט גרויסע בעקאַנטשאַפט צווישען די קונים פון דעם מאַגאַזין. די קונדשאַפט איז בעשטאַנען פון פיעל רוסישע פלאָט-לייט, ווי אויך פון אָרטיגע און אַנדערע אָנגעזעהענע קונים. צוליעב זיין גוטער בענעהמונג, צוליעב זיין אָרענטליכקייט און זיינע פעהיגקייטען, האָט ער ביי אַלעמען נושא חן געווען און אַלע האָבען זיך צו איהם פריינדליך בעצויגען.

יעצט האָט דער יונגער גינזבורג ביי זיך בעשלאָסען צו ווערען זעלבסטשטענדיג און עפענען אַ געשעפט אויף זיין אייגענעם חשבון איבערהויפט נאָך צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַר דער צייט בעוויזען גרינדליך אויסצולערנען די בראַנזשע פון די פאַרשיעדענסטע שיפס-אַרטיקלען, מאַטעריאַלען און פראָדוקטען.

קאפיטעל 2.

די האפענונגען פון ה' גינזבורג האבען איהם ניט אפגענארט. זיין אונטערנעהמונג איז איהם געלונגען מעהר ווי ער האט אליין גערעכענט.

גראד צו דער צייט, ווען ער האט געעפענט זעלבסטשטענדיג זיין געשעפט, איז געשטאנען אין א יאפאנישן האפען א רוסישע קריגס-שיף „היידאמאק" און ער, ה' גינזבורג, האט געפרואווט פארצושלאגען די פערוואלטונג פון שיף איהר צו פארזארגען מיט די מאטעריאלען און פראדוקטען, אין וועלכע זי נויטיגט זיך.

ענליכע פארשלאגען זיינען געוועהנליך אנגעקומען פון פיעל גרויסע האנדעלס-הייזער, אבער אזוי ווי די אנגעגעבענע פרייזען פון ה' גינזבורג זיינען געוועזן קלענערע, ווייל ער האט זיך בענוגענט מיט א קליינעם פארדיענסט, האט ער די בעשטעלונג בעקומען און ער האט איהר אויסגעפיהרט פינקטליך און ראיעל.

די שנעלע אויספיהרונג אויפ'ן בעסטען אופן און די צופרידענהייט פון דער שיף-קאמאנדע האבען איהם, ווי מ'זאגט, געשטעלט אויף די פיס.

ער בעקומט גלייך נאכדעם פיעל בעשטעלונגען פון אנדערע רוסישע שיפען. איינער רעקאמענדירט איהם צום צווייטען און זיין געשעפט וואקסט פון טאג צו טאג.

ה' גינזבורג ערלערענט ביסלעכווייז, פלייסיג און גרינדליך, אלע בעדערפנישען פון שיפען אנהויבענדיג מיט קלייניגקייטען און פאר-

ענדיגענדיג מיט די גרעסטע זאכען. ער בעקענט זיך מיט די קאַפּיטאַנען און דער העכערער קאָמאַנדע, זיי בעקענען זיך נעהנטער מיט איהם, אַכטען און שעצען הויך זיין עהרליכקייט און איבערגעבענהייט. אין קורצען ווערט ער דער אַלגעמיינער ליפעראַנט פון דעם רוסישען פלאָט, וועלכער געפינט זיך אין שטילען אָקעאַן צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון רוסלאַנד.

גינזבורגס נאָמען ווערט איבעראַל בעקאַנט און זיין פירמע בעקומט מיט רעכט דעם שם אַלס די פּינקטליכסטע און ראיעלסטע.

ווען ה׳ גינזבורג דערוויסט זיך נאָר, אַז ערגעץ וואו געפינט זיך אַ שיף, וואָס דאַרף אָנקומען נאָך אַ קורצער צייט — זעהט ער שוין פאָראויס אַלץ צו פאַרזאָרגען, כדי אַז ווען די שיף וועט אָנקומען זאָל זי שוין געפינען אַלץ וואָס פאַר איהר איז נויטיג. צו דעם צוועק גריינדעט ער פיעל מאַגאַזינען אין די האַפענס וואו עס געפינען זיך גרויסע לאַגערען, וועלכע האָבען געקענט בעפרידיגען ניט נאָר רוסישע שיפען נאָר אויך אַנדערע.

אָבער שטענדיג, ווען פרעמדע שיפען האָבען זיך געווענדעט צו ה׳ גינזבורג מיט בעשטעלונגען, פלעגט ער פריהער אָנפרעגען דעם אדמיראַל פון רוסישען פלאָט צו ער זאָל די בעשטעלונגען אָנעהמען אָדער ניט. און דאָס האָט ער געטאָהן ניט נאָר צוליעב העפליכקייט נאָר צוליב אַ טיפערען גרונד.

צו יענער צייט זיינען אין די האַפענס פון שטילען אָקעאַן געשטאַנען קריעגס־שיפען פון פערשיעדענע פעלקער, יעדער נאַציע האָט געהאַט איהרע שטרעבונגען און אויסזיכטען אויף דעם וויטען מזרח; מען האָט צו יעדען מאָמענט געקענט ערוואַרטען פאָליטישע צוזאַמענשטויסען, דעריבער איז די פאָרזיכטיגקייט פון הער גינזבורג געוועזען אַ זעהר צוועקמעסיגע, אויך אַ זעהר אנערקענטע פון דער רוסישער מאַכט.

אין יאָהר 1880 קומען וויַרקליך פאָר פיעל סכסוכים און, ווייל די בעציהונגען צווישען רוסלאַנד און כינא ווערען זעהר געפעהרליך, קומען אין די האַפענס אַ גרעסערע צאָהל קריגס־שיפען אונטער

די פאַבריק פון פערלמוטערנע קנעפּלאַך אין ראַדזיווילאָוו

דער לייטונג פון אדמיראל ליסאָווסקי. די שיפען ווערען דורך ה' גינזבורג פערזאָרגט מיט אַלץ אויפ'ן בעסטען אופן און ער בעקומט דערפאַר אַ דאַנק און אנערקענונג פון דער הויפט־קאָמאַנדע און אדמיראַל.

עטוואָס שפּעטער ווייזט אַרויס ה' גינזבורג גרעסערע געניאַלע פעהיגקייטען, בעזונדערס אין יאָהר 1885 ווען עס איז אָנגעקומען די גאַנצע עסקאַדרע פון דעם אדמיראַל קראָון. ער ליפערט דאַן פאַר דער גאַנצער עסקאַדרע ניט נאָר די פאַרשיעדענסטע פּראָדוקטען נאָר אויך קוילען — דאָס נויטווענדיגסטע און דאָס שווערסטע פאַר אַ עסקאַדרע. פון דער צייט אָן ווערט ער דער איינציגער ליפע־ראַנט פון דעם גאַנצען פלאָט אין שטילען אָקעאַן.

מיט דעם זעלבען פלייס און אויסצייכענונג אַרבייט ער שוין נאָכדעם די גאַנצע צייט און אַלע אדמיראַלען בעשיינקען איהם מיט דאַנקבאַרקייט און אנערקענונג.

אין יאָהר 1898, ווען די רוסישע עסקאַדרע האָט פאַרנומען „פּאָרט־אַרטור", בעקומט ה' גינזבורג דעם אויפטראַג צו שאַפען גרויסע לאַגערען פון קוילען, ווי אויך מאַגאַזינען פון פאַרשיעדענע פּראָדוקטען און מאַטעריאַלען פאַר דעם גאַנצען שטילען אָקעאַן. מיט זיין ענערגיע און געשיקטקייט פירט ער אויס אַלע אויפטראַגען אויף דעם בעסטען אופן. גלייכצייטיג פאַרזאָרגט ער אויך מיט אַלץ דעם גאַרניזאָן אין דער פעסטונג פון פּאָרט־אַרטור.

אין דעם באָקסער אויפשטאַנד אין יאָהר 1900, ווען דער אדמי־ראַל הילדעבראַנט צוזאַמען מיט די פלאָטען פון ענגלאַנד און אנ־דערע מלוכות זיינען אַרויסגעטראָטען קעגען כינא איז ווייטער ה' גינזבורג דער פערזאָרגער פון פלאָט.

ער האָט אויך מיט זיין טיעפען פערשטאַנד און גענויער קענט־ניס פון דער גאַנצער געגענד, ווי אויך מיט זיין פערזענליכער בעקאַנטשאַפט מיט די כינעזער פיעל מיטגעהאָלפען אַריבער צו פיהרען אויף דער יבשה דאָס מיליטער פון די גרויסע קריעגס־שיפען אויף קליינע שיפלאַך דורך די טייך פייכא, וועלכע איז פול מיט

זאמד־אינזלען, און דאָס האָט מיטגעהאָלפען צום נצחון. דער פּער־דיענסט איז אָנערקענט געוואָרען פון דער מלוכה און ער האָט בע־קומען אַ קייזערליכען דאַנק, וועלכער איז געווען פּובליצירט אין פּלאַט.

גלייכצייטיג בעקומט ער פאַר זיינע ארבייט אין פּאָרט־אַרטור, אויף דעם פּאָרשלאַג פון פינאַנס־מיניסטעריום, דעם טיטעל „קאָ־מערציענראַט".

דאָ מוז דערמאָנט ווערען, אַז זייענדיג אין פּאָרט־אַרטור פאַר־נומען מיט זיינע גרויסע געשעפטען, האָט ה' גינזבורג שטענדיג געטראַכט וועגען זיינע ברידער.

אין פּאָרט־אַרטור, וואו עס איז געווען דער מיטעל־פּונקט פון דער עסקאַדרע און פון גאַרניזאָן האָט ער געווירקט, אַז די אידען וועלכע זיינען אַהין געקומען זוכען פרנסה, זאָל ערלויבט ווערען דאָרט צו וואוינען. ער האָט ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלען לעבען פאַר־בעהאַלטענערהייד ווי די פערברעכער. ער אַליין האָט זיי געגעבען בעשעפטיגונג ביי זיך. דורך זיין גרויסען איינפלוס אויף דער הויכער פערוואַלטונג און צענטראַל - מאַכט איז זיינע שתדלנות ערפילט געוואָרען און די אידען וועלכע האָבען שוין פריהער דאָרט שטילער־הייד געוואוינט האָבען פריי אָפּגעאָטעמט. אויף דעם זעלבען סמך זיינען אויך אַנדערע אָנגעקומען און די צאָהל פון די אידען איז דאָרט געוואָרען אַ בעדייטענדע.

מיט דער צייט ווערען אַלץ מעהר און מעהר געשפּאַנט די פּאָ־ליטישע בעציהונגען צווישען רוסלאַנד און יאַפּאַן. יאַפּאַן קוקט גאַנץ קרום אויף דערווירטשאַפט פון רוסלאַנד אין וויימען מזרח און די רוסישע פערוואַלטונג לייגט אויף דעם גאָר ווייניג אַכט. די רוסישע מאַכט נעמט ניט אין חשבון די קראַפט פון די יאַפּאַ־נער און וויל זיך מיט זיי גאָר ניט רעכענען. אַז די קליינע יאַ־פּאַנער זאָלען זיך דערוואגען צו ערקלערען רוסלאַנד אַ קריעג — געהט קיינעם גאָר ניט אַרויף אויפ'ן מח. דערצו גלויבט רוסלאַנד צופיעל אין איהר אייגענעם כח.

אַנדערש אָבער האָט די לאַגע פאַרשטאַנען ה׳ גינזבורג. זייענ־דיג אַזוי לאַנג אין דעם דאָזיגען געגענד און קענענדיג צו גוט די יאַפּאַנער, האָט ער פון זיין זייט אַלץ געטאָהן כדי בעצייטענס אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף דער גרויסער סכנה וואָס דראָהט מצד די יאַפּאַנער. ער האָט גאַנץ פשוט און אָפען ארויסגעזאָגט זיין איבערצייגונג דער רוסישער רעגירונג, אַז עס וועט באַלד אויס־בּרעכען אַ קריעג און, אַז די יאַפּאַנער גרייטען שוין זיך דערצו זייער שטאַרק. אָבער ווי געזאָגט, האָט די רוסישע מאַכט זיך וועגען דעם גאַנץ ווייניג געקימערט.

ה׳ גינזבורג האָט אָבער קיינעם ניט געפרעגט, מיט קיינעם זיך ניט בעראַטען, ער האָט שטילערהייט אויף זיין אייגענער פאַראַנט־וואָרטליכקייט אָנגעפילט זיינע לאַגערען וויפיעל ער האָט נאָר גע־קענט, מיט קוילען, עסענוואַרג און מעדיצינישע פּראָדוקטען אין אַזאַ קוואַנטום וואָס איז געווען גאַנץ אומגלויבליך. צו דעם צוועק האָט ער אָנגעקויפט און אויך אָנגעדונגען זעהר פיעל שיפען וועלכע זאָלען שטענדיג גרייט זיין צו זיין דיספּאָזיציע.

אויף איינער פון די דאָזיגע שיפען האָט ה׳ גינזבורג אָפּגע־שיקט קיין שאַנכאַי די פרויען מיט די קינדער פון אַלע זיינע אָנ־געשטעלטע; פיעל פאַמיליעס האָט ער מיט גרויס מיה אָפּגעשיקט קיין רוסלאַנד אויף זיינע אייגענע הוצאות. און פּלוצלינג האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה.

אויב דער גאַרניזאָן, אויב די איינוואָהנער פון פּאָרט־אַרטור האָ־בען ניט געליטען קיין הונגער און נויט, אויב די קראַנקע און פער־וואונדעטע זיינען געוואָרען פאַרזעהן מיט מעדיצינישע מאַטעריאַ־לען, האָט מען דאָס געהאַט צו פערדאַנקען אונזער ה׳ גינזבורג. אַלץ איז געווען צוגעגרייט ווי אויף אַ בעשטעלונג. ווען עס איז געקומען אין פּאָרט־אַרטור דער אַדמיראַל מאַקאַראָוו און האָט זיך בעקאַנט אויפ׳ן אָרט מיט די גרויסע פערדיענסטען און לייסטונגען פון מ. גינזבורג האָט ער איהם פאָרגעשלאָגען, ער זאָל גלייך פאָהרען קיין פּעטערבורג בכדי ער זאָל דאָרט אויפ׳ן אָרט מיט זיין קלוגען

ראַט מיטהעלפֿען דעם אַדמיראַל ראָזדעסטווענסקי ביים אָפּפֿאָהר מיט זיין עסקאַדרע קיין פּאָרט־אַרטור.

מאַקאַראָוו האָט איהם געגעבען אַ בריעף צום פלאָטען־מיניסטער אַוועלאַן. אין דעם בריף האָט מאַקאַראָוו איהם בעשריבען זיין שווערע לאַגע און אויך די שווערע לאַגע און געפעהרליכע וועג וואָס עס שטייט פאַר ראָזדעסטווענסקעס עסקאַדרע. ווען דער פלאָטען מיניסטער האָט וועגען דעם אָפּגעגעבען זיין בעריכט דעם קיסר און האָט אויך אָנגעוויזען ווי שווער עס וועט יעצט זיין די עסקאַדרעס צו פאַרזאָרגען אַזוי ווייט מיט נויטיגע פּראָדוקטען און בעזונדערס מיט קוילען, האָט דער קיסר איהם געענטפערט: „איהר האָט דאָך גינזבורג'ן".

גלייך נאָכדעם האָט מען פאָרגעלייגט מ. גינזבורג איבערצונעהמען אויף זיך אַלע בעזאָרגונגען פון די עסקאַדרעס. אמת, דאָס מיניסטעריום האָט פריהער פּרובירט איבערצוגעבען די בעשטעלונגען אויך אַנדערע בעריהמטע פירמעס און בעקאַנטע ספּעציאַליסטען, אָבער די אַלע, בעקענענדיג זיך מיט דער שווערער אויפגאַבע, וועלכע איז געווען כמעט ניט אויספיהרבאַר, האָבען זיך גלייך אָפּגעזאָגט דערפון; און אַזוי איז מ. גינזבורג אַליין געבליבען אויפ'ן פּלאַץ אָהן איין קאָנקורענט. מיט אונבעשרייבליכער קראַפט און ענערגיע האָט ער זיך גענומען דורכפיהרען זיין פּלאַן ראָזדעסטווענסקעס עסקאַדרע צו פאַרזאָרגען אויף דעם ווייטען געפעהרליכען וועג מיט קוילען און אַלע אַנדערע נויטיגע פּראָדוקטען.

געוועהנליך האָט די עסקאַדרע אויף איהר ווייטען וועג ניט געקענט אַריין אין קיין שום האַפען. זי האָט געמוזט אַלץ בעקומען אויפ'ן אָפענעם ים אַזוי, אַז די יאַפּאַנער זאָלען זיך דערפון ניט דערוויסען. אַלץ האָט געמוזט זיין צו דער מינוט, און אונזער גינזבורג האָט דאָס וואונדערבאַר אויסגעפיהרט. זיינע אַגענטען, וועלכע ער האָט געהאַט אין פאַרשיעדענע לענדער האָבען פּינקטליך אויסגעפיהרט אַלע זיינע אויפטראַגען איינשטעלענדיג זייער אייגענעם לעבען אין געפאַר. ס'איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז מ. גינזבורג

איז פאר זיינע גרויסע פערדיענסטען בעעהרט געווארען מיט פיעל אויסצייכענונגען און מיט דעם טיטעל פון „ווירקליכער שטאאטס-ראט“.

ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט מיט דעם גרויסען נצחון פון יאפאן און מיט דער שרעקליכער מפלה פון רוסלאנד האט זיך מ. גינזבורג בעזעצט אין פעטערבורג.

קאפיטעל 3.

די גאנצע צייט וואס ה' גינזבורג איז געווען אין סאן פראנ־ציסקא האט ער געוועהנליך ניט איבערגעריסען זיין בריעף־וועקסעל מיט זיינע עלטערען און קרובים אין זיין געבורטס־שטעדטעל ראַ־דזיווילאָוו. ער האט, וואס אמת, ווייניג און זעלטען זיך מיט זיי דורכגעשריבען אָבער ניט צוליב דעם וואס ער האט זיך פון זיי דערווייטערט, נאר ווייל ער איז ניט געווען אומשטאנד זיי מיט געלט בעהילפיג צו זיין. און שרייבען, אז ער קען זיי ניט העלפען — איז איהם שווער געווען.

צו יענער צייט איז אין ראדזיווילאָוו געשטאָרבען זיין פאָטער — נאָך גאר ניט קיין אַלטער מאַן — און זיין מוטער, וועלכער ער האָט שטענדיג צערטליך געליעבט איז געבליבען אָן מיטלען צום לעבען. דאָס האָט איהם זעהר געקריינקט און ער האָט דאָס זייער שטארק זיך גענומען צום הארצען.

ווי אָבער ער איז געקומען אין יאקאהאמא און האָט אָנגעהויבען בעסער צו פארדינען, האָט ער גלייך אָנגעהויבען רעגעלמעסיג צו שרייבען און צו שיקען געלט אהיים.

דער טאָג, ווען ער האָט אוועקגעשיקט די ערשטע דריי הונדערט רובל זיין מוטער דער אלמנה, איז פאר איהם געווען א גרויסער יום טוב. נאָך א גרעסערער יום־טוב איז געווען אין ראדזיווילאָוו ביי דער אָרימער מוטער, וועלכע איז מיט אמאָהל אויפעגריכט גע־

וואָרען. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז מיט פופציג יאָהר צוריק איז אַזאַ סומע אין אַ קליין שטעדטעל געווען אַ גאַנצער פערמעגען.

און דאָס איז געווען נאָר אַ התחלה.

פון דאַן אָן וויים שוין מעהר ניט זיין מוטער פון ליידען און נויט. ה׳ גינזבורג פאַרזאָרגט איהר מיט אַלץ, די ערשטע צייט מיט קלענערע סומעס און וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר. דער דלות פאַרשווינדעט פון זיין מוטערס הויז און מען קען שוין אפילו בעמערקען צייכענס פון וואוילשטאַנד. מיט דער צייט ווערט דאָס הויז פון דער אַלמנה דאָס רייכסטע ניט נאָר אין שטעדטעל נאָר אויך אין גאַנצען אומגעגענט.

צו יענער צייט הויבט זיך אָן די וואָהלטעטיגע אַרבייט פון ה׳ גינזבורג פאַר דעם כלל און פרט צוגלייך אין יאקאהאמא ווי אויך אין ראַדזיווילאָוו. אין יאקאהאמא איז ער אליין דער בעל צדקה פון דער ברייטער האַנד, אין ראַדזיווילאָוו ווערט אַלץ געטאָהן דורך זיין מוטער, וועלכע האָט געהאַט זעהר אַנ׳איידעלען כאַראַקטער און אַנ׳אמת אידישע גוט־האַרץ. דורך איהרע בריעף צו איהר זוהן איז זי געוואָרען דער מליץ יושר, די גוטע בעטערין פאַר אַלע נויטבע־דערפטיגע.

די גוטע הערצער פון ביידען, פון זוהן און מוטער, איז ווי מען זאָגט — און אפשר טאַקע מיט רעכט — אַ ירושה זאַך. מ. גינזבורגס זיידע פון מוטערס צד, ר׳ מענדעל ייצעס, וועלכען ער געדיינקט שוין ניט מעהר, איז צו זיינער צייט געווען אַ בעל־הבית אין שטעד־טעל, אַ זעהר בכבודיגער מאַן, דערצו איז ער נאָך געווען בעריהמט דורך זיינע צדקות נאָך דעם ערך פון זיין פערמעגען. אַלע ערב פסח, אַזוי דערצעהלט מען פון איהם, פלעגט ער פאַרבעטען צו זיך אַ געוויסע צאָהל אָרימע לייט און יעדער פלעגט שוין געפינען פאַר איהם אָנגעגרייט אַ נייעם מלבוש, אַ נייע היטעל, אַ נייע פאָר שטי־וועל און דערצו נאָך אַ גאָלדענע מטבע אין קעשענע פון מלבוש, וואָס דאָס איז זיי צוניץ געקומען אויף פסח, אָט דער זיידע איז אויך געווען אַ מפורסם׳דיגער מוהל, וועלכער האָט די מצוה גע־

איין אַרבייטס אָבטיילונג אין פאַבריק

טאָהן מיט שמחה און איז געווען דער מוהל ביי אַלע אָרימע־לייט, זעלבסט פאַרשטענדליך — אָהן געלט.

אין יאקאהאמא האָט ה׳ גינזבורג געדאַג׳עט ניט נאָר פאַר זיינע לעבעדיגע אָרימע ברידער נאָר ער האָט אויך געזאָרגט פאַר די פערשטאָרבענע: ער האָט געמאַכט אַ אידישען „בית־עולם“ אויף זיינע אייגענע קאָסטען. אין יאקאהאמא איז ניט געווען קיין אידישע קהלה; די צאָהל פון די אידען איז דאָרט געווען אַ קליינע און אַ צופעליגע. דעריבער ווען עס פלעגט אימיצער שטאַרבען, פלעגט מען איהם מקבר זיין אויף דעם אַלגעמיינעם „בית עולם“ און קיי־נעם האָט דאָס ניט געאַרט, ביז אונזער גינזבורג האָט ניט מתקן געווען די תקלה.

עס איז אינטערעסאַנט דערביי צו בעמערקען, אַז — ווי מיר וועלען זעהן אין דער ווייטערדיגער בעשרייבונג פון גינזבורגס לע־בען און טהעטיגקייט — האָט ה׳ גינזבורג צווישען אַלע זיינע בע־ריהמטע און גרויסע מעשים שטענדיג געשיינקט גרייסע אויפמערק־זאַמקייט דער מצוה „גמילת חסד של אמת“.

אין יאָהר 1885 קומט ה׳ גינזבורג אין פעטערבורג וועגען אַ וויכטיגער אָנגעלעגענהייט פון דער עסקאַדרע און פון דאָרט פאָרט ער אָפּ אויף אַ קורצע צייט אין זיין געבורט־שטעדטעל. *)

---

*) עס איז גאַנץ אינטערעסאַנט דערביי צו באַמערקען, אַז ביי דער דאַזיקער רייזע האָט ה׳ גינזבורג בעקומען אַ דיפּלאָמאַטישען פּאַספּאָרט. ווען ער איז אָנגעקומען אין פעטערבורג, האָט ער ווי געוועהנליך אָפּגעשטיגען אין איינעם פון די גרעסטע האָטעלען.

גלייך אָבער אויף מאָרגען אין דער פריה האָט איהם געשיקט רופען דער „פּריסטאַוו“ פון דער שטאָדט־אָפּטיילונג וואו דער האָ־טעל געפינט זיך: „ס׳טייטש, ווי קומט אַ איד אין פעטערבורג? וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער?“

דעם ה׳ גינזבורג האָט דאָס זעהר פאַרדראָסען און אַנשטאָט צו לויפען צום „פּריסטאַוו“ האָט ער גלייך דערפון מיטגעטיילט דעם גרויספירשט אַלכסנדר מיכאַילאָוויטש און, גאָט צו דאַנקען, מען האָט איהם שוין מעהר ניט בעאומרוהיגט.

א קליינער אָרימער אינגעל איז מ. גינזבורג געווען, ווען ער האָט זיין שטעדטעלע פערלאָזען, און אַ מאַן אין בעסטען עלטער, בעריהמט דורך זיין הויכער שטעלונג, רייכטום און גוטע מעשים קומט ער יעצט צוריק אויף אַ קורצע צייט צו גאַסט צו זיין מוטער און פאַמיליע אין ראַדזיווילאָוו. עס איז לייכט צו בעגרייפען וואָס פאַר אַ קבלת פנים ער האָט דאָרטען געהאַט, ניט נאָר פון זיינע קרובים נאָר אויך פון אַלע איינוואוינער, אידען און ניט־אידען. די שטעדטיל האָט ממש געקאָכט. מען האָט שוין אויף דעם געמאַכט הכנות מיט אַ סך טעג צוריק.

דערצו האָט נאָך מעהר גורם געווען דער פאַלגענדער צופאַל. גראָד אין דער צייט ווען ה׳ גינזבורג איז געווען אין פעטערבורג איז צו איהם ספעציעל געקומען מיט אַ בקשה דער „גלח" פון ראַ־דזיווילאָוו. ביי גינזבורגען אין האָטעל האָט ער געטראָפען פיעל הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען פון פלאָט־מיניסטעריום ווי אויך פיעל אַדמיראַלען. געוועהנליך ווען דער „גלח" איז צוריקגעקומען קיין ראַדזיווילאָוו, האָט ער מיט גרויסע התפּעלות דערציילט וואָס פאַר אַ כבוד עס ווערט געמאַכט אין דער הויפט־שטאָדט זייער גינזבורג'ן, און דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט זיין רוהם.

דער טאָג פון ה׳ גינזבורגס אָנקומען אין ראַדזיווילאָוו איז גע־ווען אַן אַלגעמיינער „יום־טוב", ווייל — ווי געזאָגט — האָט גינזבורג דורך זיין מוטער פיעל גוטעס געטאָהן ניט נאָר פאַר אידען נאָר אויך פאַר דער גאַנצער בעפעלקערונג אָהן אונטערשייד.

די שמחה פון דער מוטער וועלכע האָט אַזוי לאַנג איהר קינד ניט געזעהן איז גאָרניט צו בעשרייבען, דאָס פאַרשטעהט אָבער יעדערער.

ניט לאַנג איז גינזבורג אין זיין שטעדטיל געבליבען, אָבער די אייניגע טעג וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט איז איהם אויסגע־קומען אויפצונעהמען פערשיעדענע דעלעגאַציעס, ווי אויך יחידים, נאָהנטע קרובים, ווייטע קרובים, פרעמדע פון ראַדזיווילאָוו און אפילו פון די אַרומיגע שטעדטליך. ס'פאַרשטייט זיך, אַז קיינער איז ליידיג

ניט אַוועקגעגאַנגען. זיין בעזוך אין שטעדטיל ראַדזיוויל‏אָוו האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק אויף אונזער נדבן. ער האָט ווידער מיט זיינע אויגען געזעהן די אָרימקייט, און מיט זיינע אויערען גע־הערט וועגען די ליידען פון זיינע ברידער און פון דער גאַנצער בע־פעלקערונג. דאָס אַלץ האָט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט זיינע געפיהלען צו העלפען און צו טאָהן גוטס, וואָס ער האָט קיינמאָהל ניט אויפ־געהערט ביז יעצט, ביז צו היינטיג טאָג.

די אידישע שולע פאר אינגלאך אין ראדזיווילאוו

קאפיטעל 4.

מיט דעם אריבערפאהרען פון מ. גינזבורג אין פעטערבורג הויבט זיך אן א נייע גלענצענדע תקופה אין זיינע מעשים טובים. זיין פּאלאַץ ווערט דער מיטעלפּונקט פון צדקה און וואָהלטעטיגקייט. איהם בעזוכען די וויכטיגסטע אידישע און ניט אידישע פּערזענ־ליכקייטען.

די בעציהונגען פון פלאָט־מיניסטעריום צו איהם בלייבען די זעלבע ווי פריהער און די אדמיראלען פון פלאָט זיינען זיינע שטענ־דיגע בני־בית.

דער באראָן האראַץ גינצבורג, ווי שפּעטער זיין זוהן, דער בע־רימטער געלעהרטער דוד גינצבורג, וועלכע זיינען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער פּעטערבורגער קהלה, ציהען איהם אריין אין דעם אידישען קהלה־לעבען און שפּעטער ווערט ער א מיטגליעד פון דער קהלה־פערוואַלטונג, אין וועלכער עס זיינען טהעטיג די באראָ־נען גינזבורג, דער בעריהמטער עסקן ה. ב. סליאָזבערג, ב. קאמינקא און פיעל אנדערע גרויסע עסקנים. ביי יעדער געלעגענהייט ווייזט ארויס ה' גינזבורג זיין גוט הארץ און ברייטע האנד.

זייענדיג אין פּעטערבורג, שוין ניט ווייט, ווי פריהער, פון זיין געבורטס־שטעדטיל ראדזיווילאָוו, הויבט ער יעצט אָן אָפטער צו בעזוכען זיין מוטער און גלייכצייטיג צו פארזאָרגען ראדזיווילאָוו מיט אלע נויטיגע אנטשטאַלטען וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען.

ראשית כל רעמאָנטירט ער גרינדליך די גרויסע שוהל (בית

הכנסת) וועלכע בעקומט א פראַכטפולען אויסזעהן אינעווייניג און פון דרויסען. די קהלה דריקט איהם דערפאַר אויס איהר דאַנקבאַר־קייט דורך איין אויפשריפט אויף דער מזרח־וואַנט, א זכרון לדורות.

בכדי די אָרימע אידישע בעפעלקערונג אין ראַדזיווילאָוו זאָל האָבען בעשעפטיגונג, גריינדעט ער א פאַבריק פאַר פערלמוטערנע קנעפלאך, וואו עס אַרבייטען מענער, פרויען און אויך עלטערע קינ־דער און פאַרדינען זייער ברויט.

פאַר אידישע קינדער גרינדעט ער צוויי בעזונדערע שולען פאַר אינגלאך און פאַר מיידלאַך, וואו זיי לערנען עלעמענטאַרע למודים, ווי רוסיש (לעזען, שרייבען) רעכענען א. ד. ג.

אין יעדער שולע געפינען זיך פון הונדערט ביז הונדערט פופ־ציג תלמידים.

אין דער זעלבער צייט בויט ער א אָנפאַנגס־שולע פאַר ניט אידישע קינדער, וואו עס לערנען ביז 200 שילער. ער גרינדעט אויך אַנ'אַלגעמיינע פאַך־שולע.

אזוי האָט ה' מ. גינזבורג שטענדיג געפיהרט: ער ווייזט זיין גוט האַרץ אָהן אונטערשייד אַלעמען. ער זאָגט שטענדיג: „מען טאָר ניט פאַרגעסען דאָס געוויזענע און מען מוז שטענדיג מכיר טובה זיין דעם, וועלכער האָט דיר גוט בעהאַנדעלט. איך האָב מיין רייכטום ערוואָרבען דורך מיין אַרבייט ביי דער ניט אידישער בע־פעלקערונג, דאַרף איך קיינמאָהל ניט פאַרגעסען מיט דאַנקבאַר־קייט איהר דאָס צוריק צו צאָהלען ביי יעדער געלעגענהייט“.

ער בויט אויס א אידישע קראַנקענהויז, שפּעטער בויט ער אויס א גרויסע קראַנקענהויז פאַר דער ניט אידישער באַפעלקערונג, וועל־כע דאַרף דיענען פאַר דעם גאַנצען געגענד. זי ווערט פון איהם איבערגעגעבען דער אָרטיגער פערוואַלטונג, אָבער דערביי שטעלט ער א תנאי, אַז אין קראַנקענהויז דאַרפען זעלבסטפאַרשטענדליך אויך אויפגענומען ווערען אידען, און זיי מוזען בעקומען כשר עסען. די הוצאות אויף די כשרות און השגחה צאָהלט ער בעזונדער.

אַט די שטאָדטישע קראַנקענהויז טראָגט דעם נאָמען פון ה׳ מ. גינזבורג עד היום.

ער לאָזט אויסבויען אַ גרויסע באָד מיט אַלע איינריכטונגען, דערביי פאַרגעסט ער ניט די הצטרכותן פון דעם אידיש-רעליגיעזען לעבען מאַכענדיג גלייכצייטיג אַ שיינע און בעקוועמע מקוה אונטער דער השגחה פון די ראַדזיווילאָווער רבנים.

אין 1907 האָט ער געגעבען אַ בעדייטענדע סומע געלט אויף צו פאַרענדיגען דעם בנין פון בית-המדרש וועלכער הייסט „דעם מגיד׳ס שוהל“.

שפּעטער, אין יאָהר 1909 ווען די אידישע שניידער האָבען אויס-געפּעהלט מיטלען כדי צו ענדיגען די געביידע פון זייער שוהל איז ווייטער געווען ה׳ מ. גינזבורג דער, וועלכער האָט מיט זיין ברייטער האַנט אַרויסגעהאָלפען פון דער שווערער לאַגע.

ווי מיר זעהען האָט ה׳ מ. גינזבורג די שטעדטיל מיט אַלץ פאַר-זאָרגט און קיין זאַך ניט פאַרגעסען.

גלייכצייטיג האָט ער אויך ניט פאַרגעסען די הצטרכות׳ן פון די אַרומיגע שטעדט. אַזוי צום ביישפּיעל האָט ער געגעבען פערציג טויזענט רובל דער שטאָדט קרעמעניץ אויף אויסצובויען אַ האַנדעלס-שולע, וואו די אידישע שילער פלעגען אָנגענומען ווערען אין אַ פיעל גרעסערער צאָהל ווי אין אַנדערע מיטעל-שולען.

פאַר אָט דער שפּענדונג איז ה׳ מ. גינזבורג אויסגעוועהלט גע-וואָרען אַלס עהרען-מיטגליד אין אויפזיכטס-ראַט.

וואָס עס אַנבעלאַנגט יחידים איז גאָר ניט אויסצורעכענען זיינע מעשים. אַלע נויטבאַדערפטיגע האָבען זיך געווענדעט צו איהם פערזענליך ווען ער איז דאָרט געקומען אויף בעזוך, און די איבעריגע צייט — צו זיין מוטער וועלכע האָט זיך שטענדיג איבער-געגעבען מיט צדקה זאַכען פאַר פרעמדע און איבערהויפּט איז זי באַהילפיג געווען אַלע נאָהנטע און ווייטע קרובים, קרובים פון די קרובים א. א. וו.

ה׳ מ. גינזבורג האָט, ווי זיין מנהג איז, ניט פאַרגעסען צו

טראַכטען אויך וועגען די טויטע. ער האָט ביי דעם אַלטען „בית עולם" צוגעקויפט, אויפ'ן וואונש פון דער קהלה, אַ גרויסען פּלאַץ און האָט געמאַכט אַ נייעם, געמויערטען פּאַרקאַן אַרום דעם גאַנצען „בית עולם", האָט פאַריכט דעם וועג צום „בית עולם" און האָט געבראַכט אַלץ אין בעסטען אָרדענונג.

עס איז באמת גאָר קיין וואונדער ניט וואָס די איינוואָהנער פון ראַדזיווילאָוו האָבען געקוקט אויף ה' מ. גינזבורג ווי אויף אַ מלאך מושיע און אויב עס האָט ביי זיי עפּעס אַנ'אומגליק גע־טראָפען האָבען זיי גלייך געטרייסט איינער דעם צווייטען: „נו, אונזער גוטער גינזבורג וועט שוין העלפען, אַ פריער גאָט דערנאָך דער גוטער מענש".

פון קרובים איז דאָך שוין אָפּגערעדט, זיי זיינען שוין געווען בע־זאָרגט.

גאַנץ בעזונדערס האָט ראסיע, די מוטער פון ה' מ. גינזבורג געזאָרגט פאַר „הכנסת כלה" און האָט אַלע יתומות פון דער גאַנ־צער משפחה חתונה געמאַכט און זיי בעזאָרגט אויפ'ן שענסטען אופן.

ווען מען וויל וויסען וואָס ה' גינזבורג האָט פאַר ראַדזיווילאָוו געטאָהן ברויכט מען נאָר צו בעטראַכטען די בייגעלייגטע בילדער און זיי וועלען שוין ריידען פאַר זיך.

אין פּעטערבורג ענטוויקעלט זיך זיין וואָהלטעטיגע אַרבייט נאָך אין אַ גרעסערען און ברייטערען מאַסשטאַב. עס איז בוכשטעב־ליך ניטאָ קיין איין איינציגער קולטור אָדער צדקה אַנשטאַלט, וואו ער זאָל זיך ניט בעטייליגען מיט זיין ברייטער האַנד.

בלייבענדיג טריי זיין פּרינציפּ, מאַכט ער אויך דאָ קיינמאָהל ניט קיין אונטערשייד צווישען אידען און ניט אידען. ער ווערט פּאָפּולער אומעטום מיט דעם נאָמען „דער פּאָרטאַרטורער גינז־בורג".

אויך די אָרימע לייט וועלכע געהען בעטען אין די הייזער, אויפ'ן גאַס, קענען איהם, און עס האָט ניט געטראָפען, אַז ער

דאָס אידישע קראַנקענהויז אין ראַדזיווילאָוו

זאָל פאַרבייגעהן אַנ'אָרימאַן און ניט שיינקען איהם אַ שיינע נדבה.

דערביי האָט ער צייטענווייז ליעב צו איבעראַשען אַנ'אָרימאַן מיט אַזאַ נדבה אויף וועלכער ער האָט זיך גאָר ניט געקענט ריכטען.

אַלס ביישפּיל פון זיין גוטהאַרציגקייט איז דאָ כדאי צו דער־מאָהנען אייניגע פאַקטען.

ער טרעפט אויפ'ן גאַס אַנ'אָרימע אידענע, וועלכע שלעפּט צוויי גרויסע קריג מילך צו פאַרקויפען אויפ'ן מאַרק, און אָפּגיסענ־דיג זיך מיט שוויים שטעלט זי זיך אָפּרוהען. מ. גינזבורג געהט פאַרביי, בעטראַכט די אָרימע פרוי און שטעלט זיך אָפּ מיט איהר צו רעדען, פרעגט זי אוים ווער זי איז, פון וואָס זי לעבט א. א. וו.

די פרוי, ניט וויסענדיג ווער ער איז דערצעהלט איהם איהר ביטער האַרץ: ווי זי לעבט, אַ מאַן אַ קראַנקער, קליינע קינדערלעך און זי מוז זיי מפרנס זיין. די מילך קויפט זי ביי איהרע שכנים קריסטען, זי טראָגט דאָס פאַרקויפען אין די הייזער און דערפון פאַרדיענט זי עטליכע גילדען אַ טאָג. געוויס, זאָגט זי, ווען זי וואָלט געהאַט אַנ'אייגענע בהמה וואָלט זי געהאַט פּרנסה איבערן האַלז.

שמועסנדיג פרעגט זיך מ. גינזבורג גלייכצייטיג אוים וואו די אָרימע פרוי וואוינט — און געהט אַוועק.

ווי גרויס איז די איבעראַשונג פון דער אָרימער פרוי, ווען אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט עפּעס אַ מענש, ברענגט צו איהר צו פיה־רען אַ גוטע בהמה און זי ווייס גאָרניט פון וועמען. געוויס האָט איהר דאָס אליהו הנביא געשיקט און דאָס איז ניט איהר זכות נאָר זכות אבות.

אַנ'עלטערער קריסט שלעפּט אַ וועגעל מיט זאַמד אויף אַ דאַטשע, ער פאַרקויפט דאָס די דאַטשניקעס. ער טרעפט מיט איין מאָהל עפּעס אַ מענשען, דאָס איז מ. גינזבורג. דער מענש פרעגט איהם פאַר וואָס שלעפּט ער אַליין דעם וועגעל, פאַר וואָס שפּאַנט ער ניט איין קיין פערדעל, וואָלט דאָך איהם לייכטער געוועןץ.

— אָבער אַוואו, נעמט מען דעם פערדל, וואו נעמט מען דאָס געלט דערצו? פרעגט דער קריסט נאַאיוו.

אין אַ טאָג אַרום בעקומט דער אַלטיטשקער אַ פערדל און ווייס ניט פון וועמען.

ה' מ. גינזבורג געהט אין גאַס. עס שטעהט אַ רעדעל מענשען, אין מיטען שטעהט אַ יונגער אינגעל (אַ קריסט) און וויינט מיט ביטערע טרערען.

וואָס איז געשעהן?

זיין בעל הבית האָט איהם ערגעץ געשיקט עפּעס קויפען און האָט איהם געגעבען 5 רובל. ער האָט דאָס געלט פאַרלאָרען און דער בעל הבית וועט איהם דערפאַר שטאַרק שלאָגען. האָט ער מורא צו געהן אַהיים.

דער עולם אַרום שטעהט, הערט זיך צו און שאָקעלט מיטן קאָפּ. ה' גינזבורג פרעגט גלייך דעם וויינענדען: „וואָס פאַר אַ פינף רובלדיגע האָסטו פאַרלאָרען, אַ פּאַפּירענע אָדער אַ גאָל־דענע?“

(דאַמאָלסט זיינען געגאַנגען אויך גאָלדענע מטבעות).

— אַ גאָלדענע, האָט דער אינגעל מיט טרעהרען געענטפערט.

— אויב אַ גאָלדענע, האָב איך עס געפונען, ענטפערט מ. גינזבורג, נאַ, נעהם עס צוריק — און ה' מ. גינזבורג נעמט אַרויס פון קעשענע אַ גאָלדענע פינף רובל־שטיק און גיט דאָס איבער דעם אינגעל, וועלכער כאַפּט עס מיט פרייד און לויפט מיט שמחה אַהיים.

אונזער מ. גינזבורג האָט ניט ליעב מען זאָל איהם דאַנקען, ער וויל בעסער בלייבען אומבעדאַנקט.

נאָך מער וואונדער איז, דאָס ער פלעגט אָפּט שטיצען מענשען אינגאַנצען אומבעקאַנטע, בלויז אויף זייערע שריפטליכע בקשות.

איין ביישפיל פון אַ סך וועלען מיר דאָ ברייננגען. די מעשה האָט איבערגעגעבען אַ געוויסער ה' נ. מיט וועלכען עס האָט פּאַסירט פאָלגענדעס:

פאַר דער וועלט־קריעג איז ה׳ נ. שטאַרק קראַנק געוואָרען אויף די לונגען. לויט דער שטרייגגער פאָראָרדענונג פון די דאָקטוירים האָט ער געמוזט פאָהרען אויף אַ לענגערע קוראַציע קיין דאַוואָס (אַ באַוואוסטער קוראָרט אין דער שווייץ). עס זיינען דורך אַכט מאָנאַטען און ה׳ נ. איז געבליבען פולשטענדיג אָן מאַטעריעלע מיטלען. ער איז געווען גאַנץ פאַרלאָרען, ווען די דאָקטוירים האָבען איהם ערקלערט, אַז ער מוז דאָ נאָך בלייבען.

איינמאָהל, גייענדיק אַזוי פערצווייפעלט אין גאַס, בעגעגענט ער זיינעם אַ בעקאַנטען רוסישען דאָקטאָר. ווען דער לעצטער דערוויסט זיך וועגען דער הילפסלאָזער לאַגע פון ה׳ נ. גיט ער איהם אַן עצה זיך צו ווענדען שריפטליך צו אַ געוויסען פעטערסבורגער פילאַנטראָפּ גינזבורג. ה׳ נ. געפינט פאַר אונזיניג צו בעטען שטיצע ביי אינגאַנצען אַן׳אומבעקאַנטען מענשען, אָבער באין ברירה כאַפּט ער זיך אָן אָן אַ שטרוי און שיקט אַוועק אַ רעקאָמענדירטען בריוו קיין פעטערסבורג. נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעגעבען די לעצטע פאַר גראָשען אויף מאַרקעס האָט עס איהם שטאַרק באַנק געטאָהן.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען די ערשטוינונג פון דעם פאַרצווייפעלטען יונגענמאַן, ווען, גלייך מיט דער ערשטער צוריקקעהר־פאָסט, האָט ער בעקומען פון ה׳ גינזבורג אַ געוויסע סומע געלט און אַ צוזאָג אויף אַ מאָנאַטליכע שטיצע במשך פון דער צייט וואָס ער וועט מוזען וויילען אין דאַוואָס.

אַזעלכע מעשיות קען מען פון איהם דערציילען אָהן אַ סוף. מיר מיינען אָבער, אַז די אויבענדערמאָהנטע פאַקטען זיינען פולשטענדיג גענוג כדי צו פערשטעהן דאָס גוטהאַרציקייט פון דעם פילאַנטראָפּ.

אין יאָהר 1910 איז ד״ר מ. אייזענשטאַדט אויפגענומען געוואָרען אַלס ראַבינער אין דער פעטערבורגער קהלה.

די ערשטע דרשה האָט ער געהאַלטען ווי געוויינליך אין דער גרויסער שוהל. די אַנדער דרשה האָט ער געזאָגט דעם שבת נאָך פסח אין דער שוהל פון די חסידים. ביי דיזער געלעגנהייט האָט

ער גערעדט איבער די נויטווענדיגקייט פון א מושב - זקנים, וועלכער האָט געפעהלט אין דער קהלה.

פּעטערבורגער קהלה בכלל איז באמת געווען א מוסטער־קהלה מיט איהרע אינסטיטוציעס און מיט איהרע אנדערע אנשטאַלטען. אזוי, צום ביישפּיעל, האָט דער בית יתומים, וועלכער איז געגרינ־דעט געוואָרען דורך די בּאראָנען גינצבורג, געקענט דיענען אלס מוסטער פאר אלע אנדערע קהלות, פאר אלטע לייט אָבער איז ביז דאן נאָך גאר ניט געזאָרגט געוואָרען. און אויף אָט דעם פעהלער האָט דער נייער ראַבינער מיט ווארימע ווערטער אויפמערקזאַם געמאַכט.

דער עולם האָט זיך ווארים אָפּגערופען און גלייך נאָכ'ן דאווגען האָבען זיך די בעלי הבתים ארויסגערופען מיט זייערע נדבות, וועלכע האָבען דערגרייכט ביז 18 טויזענד רובל. דערמונטערט פון אזא גוטען אָנפאַנג האָט דער ראַבינער ד"ר אייזענשטאַדט גענומען נאָכדענקען וואָס ווייטער צו טאָהן כדי פולשטענדיג צו פארווירקליכען אין לעבען דעם גרויסען פּלאַן.

גלייך נאָכדעם האָט ער געמאַכט דעם ערשטען בעזוך ביי דעם פילאַנטראָפּ מ. גינזבורג וועלכען ער האָט נאָך פערזענליך ניט גע־קענט. (ווען דער נייער ראַבינער איז אָנגעקומען איז גראָד ה' מ. גינזבורג ניט געווען אין פּעטערבורג).

איינמאָהל האָט ער זיך מיט איהם בעגעגענט אין זיין גרויסער ביוראָ (מאָרסקאיא 15) און נאָך א קורצען פריינדליכען געשפּרעך דערציילט איהם דער ראַבינער זיין פּלאַן וועגען דעם מושב־זקנים, וועלכער איז נאָך זיין מיינונג זייער נויטיג אין אזא גרויסע און אָנגעזעהענע קהלה ווי פּעטערבורג.

ה' מ. גינזבורג הערט דעם ראַבינער געלאַסען אויס און דער־נאָך זאָגט ער קורץ: „גוט, איך וועל די זאך בעטראַכטען. נאָך א קורצער צייט וועל איך אייך געבען א תשובה וואָס איך טראַכט וועגען דעם“.

דער ראַבינער האָט אָפּגעוואַרט אנ'ערך א וואָך און איז נאָך א מאָהל צו איהם אריין. גלייך ווי זיי האָבען זיך בעגריסט, זאָגט

איהם ה׳ מ. גינזבורג: „איך האָף, אַז עס וועט שוין זיין אין פּע־טערבורג אַ אידישער מושב זקנים״. · ·

— וויפיעל געלט איז נאָך אָבער נויטיג צו זאַמלען פאַר דעם מושב זקנים? — פרעגט דער ראַבינער.

— איהר דאַרפט גאַר ניט זאַמלען, דאָס געלט וועל איך אויף דעם געבען, האָט ער רוהיג געענטפערט, איך מוז נאָך אָבער בע־ראַטען זיך מיט מיין אַרכיטעקטאָר וועלכען איך וועל די טעג צו דעם צוועק איינלאַדען און איך וויל, אַז איהר זאָלט אויך דאָן זיין.

עס האָט געדויערט עטליכע טעג און דער ראַבינער אייזענשטאַדט איז איינגעלאַדען געוואָרען צו דער בעראַטונג מיט דעם אַרכיטעק־טאָר. אַ לענגערע צייט האָט מען געשמועסט וועגען דעם געפּלאַנ־טען „מושב זקנים״. עס איז געבליבען, אַז דער אַרכיטעקטאָר זאָל אויסאַרבייטען אַ פּלאַן פון אַ בנין פאַר 150 אַלטע לייט מיט אַלע איינריכטונגען וואָס זיינען נויטיג פאַר אַזאַ אינסטיטוציע. דער ראַבינער אייזענשטאַדט איז געווען גליקליך, וואָס זיין האָ־פענונג האַלט ביים פאַרווירקליכען זיך.

ווי די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט צווישען דער אידישער קהלה האָבען פיעל אידישע דאָקטוירים ווי אויך אַנדערע עסקנים אויפגערופען אַ פאַרזאַמלונג אויף וועלכער אַ סך האָבען אַרויסגע־זאָגט זייער מיינונג, אַז אָנשטאָט אַ „מושב זקנים״ וואָלט נויטיגער געווען צו גרינדען אַ אידישען שפּיטאָל. געוויינליך איז דער ראַ־בינער אויך געווען אויף דער אסיפה און האָט גלייך איבערגעגע־בען דעם אינהאַלט פון די דעבאַטען דעם ה׳ משה גינזבורג, כאָטש ער אַליין, דער ראַבינער, איז געבליבען ביי דאָס זייניגע, אַז עס איז נויטיג אַ „מושב זקנים״.

דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזען דער איידעלער כאַראַקטער פון ה׳ מ. גינזבורג. געבענדיג אַליין די געלט, איז ער דאָך פריי צו טהאָן וואָס ער וויל, דאָך בעשליסט ער זיך צו רעכענען מיט דער מיינונג פון מאַיאָריטעט און וואָס די עסקנים פון דער קהלה וועלען ענדליך בעשליסען, דאָס איז ער גרייט צו טהאָן.

גלייך נאָכדעם איז אויפגערופען געוואָרען א גרויסע פערזאַמ־לונג פון די מנהיגי הקהלה, וואו עס האָט אויך אָנטייל גענומען במעט די גאַנצע אידישע אינטעליגענץ.

די פראַגע איז גרינדליך דעבאַטירט געוואָרען און ענדליך, איז מיט א גרויסער מערהייט אָנגענומען געוואָרען דער בעשלוס, אַז עס איז נויטיגער א „מושב זקנים“.

דער טעם איז געווען א גאַנץ פשוטער.

אין פעטערבורג זיינען געווען פיעל אַלגעמיינע שטאָדטישע שפּיטאָלען פאַר די פאַרשידענסטע קראַנקקייטען; אידען זיינען שטענדיג אומעטום אויפגענומען געוואָרען אָהן שום שטערונגען. קראַנקע, וועלכע האָבען אָפּגעהיט כשרות האָבען בעקומען כשר'ע שפּייז פון דער אַלגעמיינער אידישער קיך, וועלכע האָט זיי מיט אַלץ פאַרזאָרגט.

דאַגעגען איז אונמעגליך, אַז עלטערע אידען זאָלען געהן אין ניט־אידישע אַזילען, וואו זיי וועלען ניט האָבען קיין כשר עסען, זיי וועלען ניט האָבען קיין אידישע סביבה, קיין אידישע ימים־טובים, קיין אידישע שוהל א. א. וו.

אַלזאָ — א אידישער „מושב זקנים“!

עס האָט נאָר ניט לאַנג געדויערט און ה' משה גינזבורג האָט געקויפט א גרויסען פּלאַץ אויף דעם וואַסילי־אינזעל און גלייכ־צייטיג האָט זיין אַרכיטעקטאָר אויסגעאַרבייט א פּלאַן, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען און עס האָט זיך אָנגעהויבען דער בנין.

דאָס פונדאַמענטלייגען פון מושב זקנים איז געווען א יום־טוב פאַר דער גאַנצער קהלה, אָבער דער אמת'ער גרויסער יום־טוב איז געווען ווען דער בנין איז פאַרטיג געוואָרען. קיינער האָט ניט גערעכענט, אַז די געביידע וועט מיט אַזאַ ברייטער האַנד געמאַכט ווערען. דער „מושב זקנים“ איז פאַרזאָרגט געוואָרען מיט די בעס־טע היגיענישע איינריכטונגען. די צימערען האָבען ניט געטראָגען דעם כאַראַקטער פון קאַזאַרמעס, ווי מיר זעהען עס אָפט אין אַזעלכע אַנשטאַלטען נאָר זיי זיינען אַזוי איינגעאָרדענט געווען, אַז יעדער

צימער האָט געהאַט נאָר 2 בעטען פאַר 2 פּערזאָנען. בלויז איינינע האָבען געהאַט צו 5 בעטען.

אומעטום איז געווען ליכטיג און לופטיג. די עסצימערען זיי־נען געווען גרויס און פאַרזאָרגט מיט אַלץ. דערביי איז אויך גע־ווען אַן׳אַפּטייק, איינינע חדרים פאַר די קראַנקע, אַ גרויסע באָד, אַ בעזונדער אָפּטיילונג אויף וועש וואַשען; עס האָט קיין זאַך ניט געפעהלט.

ס׳איז געווען אויסגערעכענט, אַז דער מושב זקנים זאָל קענען אויפנעהמען 150 פּערזאָן, מענער און פרויען. ביי דעם מושב זקנים איז געווען אַ גרויסע שוהל (ביהכ״נ) מיט אַ שיינעם ארון־קודש. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

ביים בויען דעם מנין האָט ה׳ משה גינזבורג געהאַט אין זינען אויך אַנדערע בעדערפנישען.

ער האָט אויסגעבויט אַ קאָלאָסאַלען זאַל פאַר גרויסע פאַרזאַמ־לונגען כדי די איינוואוינער פון דעם געגענד זאָלען האָבען וואו צוזאַמענצוקומען, וואו מען זאָל קענען האַלטען פאָרטראַגען, איינ־אָרדענען פאַלקס פייערונגען און דאָס גלייכען.

פון אַ גאַנץ וויכטיגער בעדייטונג זיינען געווען די ספּעציעל אויסגעמויערטע צימערען פאַר די אַרכיוועם פון דער קהלה, ווי אויך פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט. די חדרים זיי־נען אַזוי געמויערט געוואָרען, אַז זיי האָבען געקענט ווידערשטעהן דעם גרעסטען פייער; די אייזערנע טירען זיינען געווען אַזוי שטאַרק געפאַנצערט, אַז מען האָט דאָרט געקענט אַלץ לאָזען אין פולשטענ־דיגער זיכערקייט.

ווען אַלץ איז פאַרטיג געוואָרען האָט דער נדבן ה׳ משה גינז־בורג מיטגעטיילט דער פעטערבורגער קהלה, אַז ער גיט איהר אי־בער דעם גאַנצען בנין.

אויף דער זיצונג פון דער קהלה איז זעלבסטפערשטענדליך דעם נדבן אויסגעדריקט געוואָרען דער גרעסטער דאַנק און גלייכציי־

טיג איז געשטעלט געוואָרען די פראַגע ווי דער מושב זקנים זאָל זיך רופען.

איינינע האָבען געזאָגט, אַז מען זאָל איהם רופען אויף דעם נאָמען פון דעם גרינדער „גינזבורגס מושב זקנים". אַנדערע זיינען געווען געגען דעם און האָבען געזאָגט: אַזוי ווי אויסהאַלטען די זקנים און זקנות מוז דאָך די קהלה, קען מען דעריבער ניט זאָגען, אַז דער מושב זקנים איז פון ה' משה גינזבורג און אויף זיין נאָמען קען מען אָנרופען נאָר דעם בנין.

די פראַגע איז דעבאַטירט געוואָרען און איז געבליבען אָהן אַ החלטה.

ווען ה' משה גינזבורג האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער גלייך מינדליך און שריפטליך מיטגעטיילט, אַז ער נעהמט אויף זיך זעלבסט די הוצאות פון אויסהאַלטען די זקנים ווי אויך דאָס גאַנצע הויז.

די ערקלערונג האָט באמת אַלעמען איבעראַשט און זעלבסט־פערשטענדליך האָט דאָס הויז בעקומען דעם נאָמען „מושב זקנים פון ה' גינזבורג".

דער טאָג ווען מען האָט געפייערט דעם חנוכת הבית פון מושב זקנים איז געווען איינער פון די שענסטע טעג ביי דער פעטער־בורגער אידישער קהלה. אַלע הכנות זיינען געמאַכט געוואָרען דורך דער געהערטער פרוי פון ה' משה גינזבורג, מאַרגאַריטאַ פאַוולאָווי־נאַ מיט אַ פרויען קאָמיטעט וועלכער איז אויסגעקליבען געוואָרען כדי צו פערוואַלטען מיט דעם מושב זקנים.

אין אַ שיינעם ווינטער ־ אָוונט האָבען זיך די טירען פון דעם נייעם בנין ברייט אויפגעמאַכט פאַר אַלע איינגעלאַדענע געסט.

דאָס הויז איז געווען וואונדער שעהן בעלויכטען און אויף די ברייטע טרעפ ביים אַריינגאַנג האָט ה' מ. גינזבורג מיט זיין פרוי פריינדליך אויפגענומען די אַלע, וועלכע זיינען געקומען זיך מיט זיי משמח זיין אין אַזאַ יום טוב. פיעל הונדערטער געסט האָבען פערנומען אַלע פלעצער פון דעם גרויסען זאַל. דאָ האָט מען גע־

דאָס אַלגעמיינע קראַנקענהויז אין ראַדזיוווילאָוו

זעהן די פאַרשטעהער פון דער אידישער געזעלשאַפט אין פעטער־בורג ווי אויך פיעל פערטרעטער פון דער רעגירונג איבערהויפט פון פלאַט־מיניסטעריום.

די פייערליכקייט האָט זיך אָנגעהויבען ווי געוויינליך מיט דער תפלה „מה טובו אהליך יעקב"; דער חזן מיט דעם כאָר האָבען ריהרענד געזונגען און בעצויבערט דאָס פובליקום.

(פעטערבורגער חזנים ווי אויך דער כאָר פון דער גרויסער שוהל האָבען זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט זייערע שטימען; דעריבער האָט מען אין „ימים טובים" און בעזונדערס „ראש השנה" און „יום כפור" געזעהן אין דער גרויסער שוהל די גרעסטע אָפּע־רען זינגער, וועלכע זיינען געקומען הערען די אידישע תפלות און געזאַנג).

נאָך דער תפלה האָבען זיך אָנגעהויבען די רעדעס.

די ערשטע רעדע האָט געהאַלטען דער פעטערבורגער ראַבינער ד"ר מ. אייזענשטאַדט (די רעדע געפינט מען אין דער ביילאַגע). דערנאָך האָט אין נאָמען פון דער קהלה גערעדט דער בעריהמטער עסקן ה' ב. סליאָזבערג און נאָך אַ גאַנצע רייהע פון בעקאַנטע כלל טהוער.

עס זיינען אויך געהאַלטען געוואָרען רעדעס פון דעם שטאַט־האַלטער און הויכע בעאַמטע.

אַלע האָבען אָנגעוויזען אויף די גרויסע פאַרדינסטען פון דעם פילאַנטראָפּ בכלל און אויף די נוצליכקייט פון דעם מושב זקנים בפרט.

די ריהרענדסטע סצענע פון דער פייערונג איז געווען ווען עס האָט זיך געעפענט אַ טהיר און עס זיינען אַריין די אַלע אַלטינקע ניי אָנגעקליידעט פון קאָפּ ביז די פיס, וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרען אין מושב זקנים, און איינער פון זיי האָט אַלעמען גע־ריהרט ביז צו טרערען מיט זיין הארציגער רעדע צו דעם פילאַנט־טראָפּ ה' משה גינזבורג מיט זיין פרוי.

צווישען די אַלטינקע איז געווען אַ גרעסערע צאָהל פון די

אזוי גערופענע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען אין זייער לעבען זייער פיעל אויסגעשטאַנען צוליעב אידישקייט און זיינען געבליבען טריי אונזער פאָלק און אונזער גלויבען. זיי האָבען עס בעזונדער פאַרדינט, אַז אויף די עלטערע יאָהרען זאָל מען זיי געבען אַן אָרט וואו זיי זאָלען קענען אויסרוהען פון אַלע זייערע צרות און ליידען.

נאָך די רעדעס איז דאָס פובליקום געגאַנגען בעזוכען און אָנ־קוקען די אַלע חדרים מיט די איינריכטונגען און זיי זיינען פשוט ערשטוינט געווען ווען זיי האָבען זיך איבערצייגט מיט וואָס פאַר א ברייטע האַנד אַלץ איז געמאַכט געוואָרען. די בעטען, די מאַטראַצען, די וועש, די גאַרדעראָבעס פאַר די אַלטע — אַלץ פון בעסטען סאָרט.

אונטער דער לייטונג פון ה׳ מ. גינזבורג און פרוי איז דאַן גע־ווילט געוואָרען אַ קאָמיטעט, וועלכער זאָל האָבען די השגחה אויפ׳ן מושב זקנים. שיינקענדיג פיעל ברכות דעם פילאַנטראָפ איז דער עולם ביסלעכווייז זיך פאַנאַדערגעגאַנגען אין אַ זייער געהויבענער שטימונג.

גאָר אין אַ גיכער צייט האָט די צאָהל פון די זקנים און זקנות דערגרייכט ביז הונדערט.

אַלץ ווייטער און ווייטער האָט מען זיך איבערצייגט ווי נויטיג עס איז געווען דער „מושב זקנים“.

די קינדער און קרובים ווען זיי פלעגען קומען בעזוכען זייערע עלטערן און פריינד פלעגען זיי שטענדיג פשוט וויינען פון פרייד זעהענדיג ווי זייערע נאָענטע, וועלכע האָבען זיך ביז יעצט גע־וואַלגערט אין פינסטערע נאַסע, קאַלטע וואָהנונגען און האָבען דער־צו געליטען הונגער און נויט, געפינען זיך יעצט אין גרויסע, שיינע, וואַרימע און ליכטיגע חדרים, זיינען גוט געקליידעט און האָבען צו עסען און צו טרינקען דאָס בעסטע און דאָס שענסטע.

בעריהמטע דאָקטוירים פלעגען שטענדיג בעזוכען דעם „מושב זקנים“.

אין מושב־זקנים גופא איז געווען אַנ׳אייגענע אַפּטייק, איין אַרצט פֿאַר מענער און איין אַרצטין פֿאַר פרויען.

קורץ, אַלץ איז געווען בעזאָרגט.

ס׳איז דאָרט אויך געווען אַ בעזונדער לעזע־זאַל בעזאָרגט מיט צייטונגען און ביכער אין אידיש און רוסיש.

פון צייט צו צייט זיינען פֿאַר די אַלטע איינגעאָרדענט געוואָרען אָוועטען מיט פֿאַרשיידענע פֿאָרשטעלונגען, און די אַלטינקע פלעגען זיך פרייען ממש ווי קינדער.

אין דעם גרויסען זאַל זיינען אָפט פֿאָרגעקומען פֿאַרשידענע זיצונגען, פֿאָרטראַגען און דיסקוסיעס. פיעל געדענקען נאָך די גרויסע פערזאַמלונגען אין וועלכע עס האָט זיך אויך בעטייליגט דער בעריהמטער שריפטשטעלער שלום אַש און האָט מיט פייער בעקעמפט די אַסימילאַציע.

אין די פון פייער בעשיצטע חדרים זיינען גלייך איבערגעפיהרט געוואָרען אַלע ארכיוועו פון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט און דאָרט איז איינגעאָרדענט געוואָרען דער אידישער מוזעאום, וועלכען אונזער אומפערגעסליכער אַנסקי האָט אָפּגעגעבען אַזוי פיעל צייט און געזונד.

דאָרט איז אויך געווען די בעקאַנטע יאַרמולקע פון דעם זשיטאָמירער קדוש שאַפּירא. עס ווערט דערציילט, אַז בשעת מען האָט דעם קדוש אַ האַלב נאַקעטען געפיהרט דורכ׳ן סטראי און פון ביידע זייטען האָט מען עם שרעקליך געשמיסען איז ביי עם אַראָפּגעפאַלען די יאַרמולקע פון קאָפּ. אָנשטאָט צו לויפען ווייטער כדי גיכער פטור צו ווערען פון די גיהנום־יסורים, האָט זיך שאַפּירא אָפּגעשטעלט און איינגעבויגען כדי אויפצוהויבען די אַראָפּגעפאַלענע יאַרמולקע אום ניט צו בלייבען בגלוי הראש.

אין דעמזעלבען מוזעום זיינען אויך שפּעטער, אין דער צייט פון דער מלחמה געזאַמעלט געוואָרען זאַכען, הענטשקעס, מאַנטלען און אַנדערע זאַכען וואָס די רוסישע סאָלדאַטען האָבען געמאַכט פון ספרי תורה׳ס וועלכע זיי האָבען צוריסען אין גאַליציען.

די באָד אין ראַדזיווילאָוו

קאפיטעל 5.

פעטערבורג איז שטענדיג געווען דער הויפט פונקט וואוהין די אידישע יוגענד האט זיך געצויגען נאך העכערע בילדונג, ווייל אין פעטערבורג זיינען שטענדיג געווען זייער פיעל הויכשולען. און ווי דאס אויפנעהמען פון די אידישע סטודענטען איז ניט געווען בעגרעניצט דורך דער פראצענט נארמע פון דער צארישער רעגירונג, איז דאך זייער צאהל ניט געווען קיין קליינע.

בעזונדערס האט זיך פערגרעסערט די צאהל פון די אידישע סטודענטען זינט עס האט זיך געעפענט דער פסיכא-נעווראלאגישער אינסטיטוט אונטער דער לייטונג פון פראפעסאר בעכטערעוו וועלכער פלעגט אויפנעהמען אידישע סטודענטען כמעט אן בעגרענצונג. א סך אידישע צוהערער זיינען אויך געווען אין קאנסערוואטאריום, וועלכער איז געשטאנען אונטער דער לייטונג פון דעם בעריהמטען גלאזונאוו.

פיעל סטודענטען און סטודענטינס האבען געלעבט זעהר ארים און ניט געהאט צו בעצאהלען פאר די פארלעזונגען. אמת, אין פעטערבורג האט ווי בעוואוסט, עקזיסטירט די בעריהמטע „געזעלשאפט צו פארשפרייטען בילדונג צווישען די אידען אין רוסלאנד“.

אבער די דאזיגע געזעלשאפט האט געהאט אלס הויפט-ציעל צו עפענען פאלקס- און אנפאנגס-שולען אין די אידישע קהלות און האט זיך דעריבער ניט געקענט אפגעבען מיט די סטודענטען.

א דאנק דער איניציאטיוו פון דעם בעריהמטען כלל טהוער ה'

ב. סליאָזבערג איז אין דער וואוינונג פון ה׳ משה גינזבורג צוזאַמענ־גערופען געוואָרען אַ גרויסע פערזאַמלונג פון דער אידישער אינטע־ליגענץ וואו נאָך לענגערע דעבאַטען איז געגרינדעט געוואָרען אַ נייע געזעלשאַפט מיט דעם נאָמען „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען העכערע בילדונג צווישען אידען“.

עס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען סטאַטוטען, די געזעלשאַפט איז בעשטעטיגט געוואָרען דורך דער רעגירונג און האָט אין גיכען אָנגעהויבען איהר גרויסע נוצליכע אַרבייט. ה׳ משה גינזבורג איז איינשטימיג אויסגעווייהלט געוואָרען אַלס פּאָרזיצער פון דער גע־זעלשאַפט, וועלכער ער האָט געשיינקט פיעל אויפמערקזאַמקייט און שטיצע.

אין זיין גרויסער ביוראָ האָט ער בעשטימט בעזונדער׳ע צימערען פאַר׳ן סעקרעטאַריאַט פון דער אינסטיטוציע וועלכער איז געווען טעטיג יעדען טאָג, חוץ שבת און יום טוב.

דער סעקרעטאַר, דער בעקאַנטער אידישער שריפטשטעלער ה׳ ריבקינד, האָט אויפגענומען יעדער סטודענט, וועלכער איז געקו־מען מיט אַ בקשה.

ה׳ משה גינזבורג האָט צו יענער צייט געפיהרט גרויסע בירזשע אונטערנעמונגען און אין זיין ביוראָ פלעגען זיך אָפט געפינען באַנ־קירען, גרויסע סוהרים און הויכגעשטעלטע פערזענליכקייטען. אָבער שטענדיג ווען דער סעקרעטאַר, ה׳ ריבקינד, האָט געהאַט צו ערליי־דיגען שווערע אַנגעלעגענהייטען וועלכע ער האָט ניט געוואָלט אויף זיך אַליין שטעלען — פלעגט ער זיך גלייך ווענדען צו ה׳ משה גינזבורג, וועלכער האָט זאָפאָרט איבערגעריסען זיינע אונטערהאַל־טונגען, מיט געדולד און אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך און גלייך אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

מען דאַרף אונטערשטרייכען, אַז ה, משה גינזבורג אַלס פּרע־זידענט פון דער געזעלשאַפט און גרויסער שפּענדער, פלעגט אויף די קאָמיטעט זיצונגען בעשיידען אויסהערען אַלע אַרויסגעזאָגטע

מיינונגען, איז קיינמאָהל ניט בעשטאַנען אויף זיין אייגענער און שטענדיג געגעבען זיין צושטימונג אויף דעם בעשלוס פון דער מאַיאָריטעט. נאָך מעהר, ביי אַלע זיצונגען און בעשלוסען פון קאָמיטעט האָבען אויך אָנטייל גענומען פערטרעטער פון דער סטודענטענשאַפט.

יעדער הויכשולע האָט געהאַט איהר געוויסען צאָהל דעלעגאַטען וועלכע האָבען פאַרטיידיגט די אינטערעסען פון זייערע חברים. זעהר אָפט פלעגען פון צווישען דער יוגענד זיך געפינען דעלעגאַטען, וועלכע האָבען שאַרף קריטיקירט די האַנדלונג פון דער געזעלשאַפט — אָבער אונזער געהערטער גינזבורג האָט אַלץ רוהיג אויסגעהערט.

ביי זיין בעשיידענהייט האָט ה. משה גינזבורג ניט געוואָלט פרעזידירען און כמעט שטענדיג האָט אָנגעפירט מיט די זיצונגען דער וויצעפרעזידענט ה׳ ב. סליאָזבערג.

די געזעלשאַפט איז אין פעטערבורג זעהר בעליעבט געוואָרען און איהרע הכנסות זיינען געוואַקסען פון חודש צו חודש.

גרויסע הכנסות זיינען אויך געוועזען פון די אָוונדען און בעלער וועלכע די געזעלשאַפט האָט פון צייט צו צייט איינגעאָרדענט. אָבער וואָס מעהר הכנסות — אַלץ מעהר הוצאות, ווייל די געזעלשאַפט האָט שטענדיג געשטרעבט די שטיצע צו פערגרעסערען.

אַלעמאָהל, ווען עס האָט אויסגעפעהלט געלט אין קאַסע, איז די קאַסע פון ה׳ משה גינזבורג געוועזען אָפען צו דעקען די נויטיגע אויסגאַבען.

עס איז ווירקליך אַ שאָד וואָס מיר האָבען דאָ ניט די געדרוקטע בעריכטען און חשבונות פון דער געזעלשאַפט, כדי די ציפערען זאָלען דייטליך בעווייזען וואָס עס איז אויפגעטהאָן געוואָרען דורך דער געזעלשאַפט די גאַנצע צייט פון איהר עקזיסטענץ. אָבער קורץ קען מען זאָגען: אַ דאַנק דער געזעלשאַפט האָבען פיעל פון דער אידישער יוגענד געהאַט די מעגליכקייט צו פאַרענדיגען זייערע

למודים אויף די פאַרשידענסטע געביטען. און מיר צווייפלען ניט אַז די געוועזענע סטיפענדיסטען — דאָקטוירים, יוריסטען, אינזשענערען א. א. וו. וועלכע פערנעהמען יעצט אַ געוויסען אָרט אין דעם אידישען לעבען, דערמאָהנען שטענדיג צו גוטען דער פעטערבורגער געזעלשאַפט מיט איהר פרעזידענט ה' משה גיטזבורג אָן דער שפּיץ.

איינע אַלגעמיינע פאַך - שולע אין ראַדזיווילאָוו

קאפיטעל 6.

ווי עס איז אויבען שוין געזאָגט געוואָרען, האָט די „געזעלשאַפט צו פערשפרייטען העבערע בילדונג צווישען אידען“ זיך געפונען אין דער גרויסער הויז פון ה' משה גינזבורג (מאָרסקאיא נומ. 56). מיט דער צייט אָבער איז די הויז אַלץ מעהר און מעהר פערוואַנדעלט געוואָרען כמעט ווי אין אַנ'אייגענטום פון דער קהלה.

די גרויסע שוהל פון פעטערבורגער קהלה מיט דעם אלכסנדר זאַל, וועלכער איז געוועזען בעשטימט פאַר געמיינדע־פערזאַמלונגען האָבען זיך געפונען אויף דעם לערמאָנטאָווער פראָספעקט נומער 2.

דער פראָספעקט איז אָבער געווען ווייט פון צענטער. די גרויסע שוהל איז דאָרט אויסגעבויט געוואָרען ניט ווייל די אידישע קהלה האָט געפונען דעם אָרט פאַר פאַסענד, נאָר ווייל מען האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דעם ווילען פון דער צארישער רעגירונג און די אידישע איינוואוינער פון פעטערבורג האָבען נאָך געדאַנקט גאָט פאַר דעם פלאַץ אויך.

די אַלע אסיפות פון דער קהלה, אַלע וויכטיגע בעראַטונגען פלעגען שטענדיג פאָרקומען אין דעם גרויסען זאַל, וועלכער האָט זיך געפונען ביים אריינגאַנג פון דער שוהל — צו דעם צוועק איז דער זאַל געבויט געוואָרען.

אָבער מיט דער צייט זיינען די וויכטיגערע זיצונגען איבערגעטראָגען געוואָרען אין ה' משה גינזבורג'ס הויז, וועלכע האָט זיך געפונען אין צענטער פון שטאָדט, ביי נעווסקי פראָספעקט. און

ווען אין די אָווענטען זיינען פיעל גרויסע זאַלען געווען פאַרנומען דורך די פאַרשידענסטע פערזאַמלונגען זיינען בייטאָג, בעזונדערס אין די פאַרמיטאָגען די צימערן געווען פול מיט דעלעגאַטען, רבנים, משולחים ווי אויך איינצעלנע פערזאָנען פון די פאַרשידענסטע שטעדט אין רוסלאַנד, וועלכע האָבען זיך געווענדעט צו מ. גינזבורג נאָך הילף און שטיצע. און ווי פאַרשידנאַרטיג זיינען געווען די בקשות!

דאָס רוב האָט מען די דעלעגאַציעס, רבנים, א. א. וו. געזעהן מיט דעם פעטערבורגער ראַבינער ד״ר אייזענשטאַדט, וועלכער פלעגט מיט זיין מיטקומען זיין פאַר זיי דער מליץ יושר. דער ראַ־בינער ד״ר אייזענשטאַדט האָט ביי אַ געלעגענהייט ליעב צו דער־ציילען וועגען פערשידענע אינטערעסאַנטע סצענעס וועלכע ער האָט דאַן אָנגעזעהן.

אַ פּאָר שיינע בעלי־בתים פון אַנ׳אָבגעברענטער אידישער שטעדטיל קומען קיין פעטערבורג זוכען הילף פאַר די נשרפים. מען האָט שוין דאָרטען, אין שטעדטיל געהערט פון דעם נדבן ה׳ משה גינזבורג. יעצט פאָהרט מען קיין פעטערבורג. אין פעטערבורג זייַ־נען דאָך דאָ פיעל גבירים און בעזונדערס ה׳ משה גינזבורג. די השגות פון קליינשטעדטילדיגע זיינען דאָך ניט קיין גרויסע. אַ פּאָר הונדערט רובל פון אַ נדבן איז פאַר זיי אַ גרויסע סומע.

זעלבסטפאַרשטענדליך קומען זיי פריהער, ווי דער מנהג איז, צום ראַבינער. דער ראַבינער זאָגט זיי צו, אַז אין דעם און דעם טאָג צו דער און דער שעה וועט ער זיי מיטנעהמען צו דעם „פּאָרט־אַרטורער גינזבורג״.

צו דער בעשטימטער צייט פאָרט ער מיט זיי צו ה׳ גינזבורג און זאָגט זיי פאָרויס, אַז אויב דער „פּאָרטאַרטורער גינזבורג״ וועט זיי בעגעגענען כלומרשט מיט אַ ברוגז, זאָלען זיי זיך ניט שרעק־קען — דאָס איז שטענדיג זיין שטייגער. ער האָט ליעב זיך צו אַרויסווייזען אַלס כעסן אָבער דאָס איז נאָר אַנ׳אָנשטעל און מעהר גאָרניט.

די בעלי - בתים - דעלעגאַטען הערען אויס דעם ראַבינערס ווערטער און מען זעהט, אַז דאָך ווערען זיי אַביסעל דערשראָקען.

עפּעס מיינען זיי, אַז דער ראַבינער טרייסט זיי נאָר. גאָט ווייס וואָס עס וועט זיין, גאָט ווייס ווי ער וועט מיט זיי ריידען, און אפשר וועט ער זיי גאָרניט אויפנעמען אָדער גאָרניט געבען?

פאַרזאָרגטע געהען זיי נאָך דעם ראַבינער מיט וועלכען זיי קומען אריין אין אַ גרויסען פראַכטפולען זאַל, וואָס זיי האָבען ביי זיך אין דער היים ניט געזעהן. דער ראַבינער הייסט דעם סעקרעטאַר מעלדען, אַז ער איז דאָ מיט אַ דעלעגאַציע.

מיט איינמאָהל הערט זיך פון קאַבינעט אַ הויכער קול: „שוין ווידער אַ דעלעגאַציע?" שוין ווידער אַ בקשה? נו, גוט!"

דאָ מאַכט זיך אויף די טהיר, דער ראַבינער קומט אריין, נאָך איהם געהען נאָך ווי פערשטומט די דעלעגאַטען. ער בעגריסט דעם „פּאָרטאַרטורער", וועלכער פרעגט כלומרשט מיט כעס: „וואָס ווייטער?" און ברוגז'דיגערהייד בעט ער זיצען.

דער ראַבינער שטעלט איהם פאָר די בעלי־בתים, וועלכע שטאַמלען פון אויפרעגונג; ער דערציילט פון דער שרפה אין שטעדטיל און איז כנהוג מוסיף: „און יעצט ווילען די דעלעגאַטען אייער נדבה".

— איך וועל ניט געבען, ענטפערט דער פּאָרטאַרטורער קורץ כעס'דיג. די בעלי בתים דערשרעקען זיך: דער „פּאָרטאַרטורער" רופט מיט אַ הויכען קול דעם קאַסירער און הייסט ארויסגעבען אַ געוויסע סומע פאַר די נשרפים.

די פּנימער פון די דעלעגאַטען ווערען מיט אַמאָהל פערענדערט. זיי נעהמען אָן אַנ'אַנדער שיין, זיי בעקומען זייער לשון און הייבען אָן צו דאַנקען. אויף אַזאַ גרויסע, שיינע נדבה האָבען זיי זיך גאָרניט געריכט.

דער „פּאָרטאַרטורער" האָט אָבער ניט ליעב קיין דאַנקען און זעגעגנט זיך שנעל מיט די דעלעגאַטען.

דער ראַבינער בעט די דעלעגאַטען זיי זאָלען וואַרטען אין דעם

אנדער צימער ווייל ער דארף נאך שמועסען מיט ה׳ גינזבורג וועגען אנדערע ענינים. ווען ער געהט שפעטער ארויס און געהט אוועק מיט די דעלעגאטען, קענען זיי זיך מעהר ניט איינהאלטען און זאגען ארויס זייער בעוואונדערונג איבער דעם „פארטאַרטורער״.

„יע, איהר זייט גערעכט, זאגען זיי בײדע מיט א מאהל מיט התפעלות, איהר האט אונז אלץ ריכטיג פאראויס געזאגט. אומזיסט האבען מיר זיך געשראקען״. און דא הויבען זיי אן צו געבען איהם ברכות אונטער די אויגען און זאגען, אז זיי וועלען קיינמאל ניט פערגעסען דעם גרויסען נדבן.

אזעלכע דעלעגאציעס זיינען געווען יעדען זומער אין שרפות־סעזאן. אבער ביי אידען זיינען דאך א חוץ שרפות געווען אין רוס־לאנד אויך גענוג אנדערע צרות: דאס ארויסשיקען גאנצע משפחות פון פארשידענע דערפער, פון אויסער תחום המושב, בלבולים און דאס גלייכען — און אלע נויטיגען זיך אין הילף. און דער „פארט־ארטורער״ ענטזאגט קיינעם ניט, ער ווייס פשוט ניט ווי מען קען זיך אפזאגען פון געבען הילף.

רבנים און משולחים האט מען ביי איהם געזעהן שטענדיג. דאס איז שוין געווען די שטענדיגע אויפגאבע פון דעם ראבינער ד״ר מ. אייזענשטאדט, פאר זיי א ווארט צו פארווארפען, ווייל אליין האבען זיי זיך ניט געטרויט צו געהן צום „פארטארטורער״.

אלע ישיבות האבען בעקומען זייערע יעהרליכע נדבות, בעזונדערס האט ער זיך פארינטערעסירט מיט דער גרויסער און בעוואוסטער מירער ישיבה, וועגען וועלכער עס האבען איהם דערצעהלט דער ראבינער ווי אויך דער בעריהמטער עסקן ה׳ ב. סליאזבערג, וועלכער איז אליין א געבארענער פון דער מיר. פאר דער ישיבה האט ער נאך דער גרויסער שרפה מיטגעהאלפען אויסצובויען דעם נייעם בנין.

א סך רבנים פון קליינע שטעדטלעך פלעגען אבער קומען קיין פעטערבורג מיט פריוואטע בקשות: דער האט א טאכטער חתונה צו מאכען, ביי דעם איז די ווייב קראנק און דארף פאהרען אין

די בעדער, ביי דעם איז די שטוב אָפּגעברענט געוואָרען און ער מיט זיין פאַמיליע וואַלגערן זיך אין קהל־שטיבעל א. אַ. וו.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַלע האָבען בעקומען זייער שטיצע.

דערביי דערצעהלט דער ראַבינער אייזענשטאַדט אַ קאָמישען פאַקט: פון אַ קליין שטעדטיל פון מינסקער גובערניע איז געקומען קיין פּעטערבורג אַ רב וועלכער איז געוואָרען אַ נשרף.

ער האָט פון וויטען געהערט פון „פּאָרטאַרטורער", האָט צוזאַמענגענומען עטליכע רובל און איז געקומען טאַקע צופאָהרען! אין פּעטערבורג, כדי געהאָלפען צו ווערען פון „פּאָרטאַרטורער".

זיין ערשטער וויזיט איז געווען צום ראַבינער. ער האָט באַוויזען זיינע כתבים פון די אַרומיגע גרויסע רבנים וועלכע זאָגען עדות, אַז ער איז נעבאך א נשרף און דערצו נאָך א מטפל מיט אַ קראַנקע ווייב און קליינע קינדערלאך.

דער ראַבינער האָט איהם צוגעזאָגט צו העלפען.

אַ געוויסען טאָג האָט ער דעם רב מיטגענומען צום „פּאָרטאַרטורער". ער האָט דעם רב געלאָזט זיצען אין אַ צימער און אַליין איז ער אַריין צו ה' גינזבורג און האָט איהם דערצעהלט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. ווי געוועהנליך האָט ה' גינזבורג אויסגעשריען אויפ'ן קול, וואָס דער רב נעבאך האָט געהערט אין צווייטען צימער: „זאָל דער רב פאָהרען צוריך אהיים פון וואַנען ער איז געקומען!" דערביי האָט ער אַריינגערופען דעם קאַסיר און האָט געהייסען אַרויסגעבען די פיער הונדערט רובל וועלכע דער ראַבינער האָט פאַרלאַנגט (דער רב האָט דעם ראַבינער פריהער געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געהאַט 400 רובל וואָלט ער אויסגעבויט ביי זיך אין שטעדטיל אַ פּאַלאַץ — און דעריבער האָט דער ראַבינער אַזויפיעל פערלאַנגט).

ווען דער ראַבינער איז אַרויס און האָט דעם רב איבערגעגעבען די 400 רובל איז ער צומישט געוואָרען פון שמחה. ער האָט קיינמאָהל ניט געקענט גלויבען, אַז ער וועט בעקומען אַזוי פיעל וויפיעל ער האָט אַליין פערלאַנגט. ווי ער איז אַביסעל צו זיך געקומען, האָט ער אָנגעהויבען צו בענשען דעם נדבן אונטער די אויגען און

דערבײַ האָט ער אָבער מוסיף געווען: „ווען איך וואָלט געוואוסט וואָס פאַר אַ פּזרן עס איז דער „פּאָרטאַרטורער", וואָלט איך דאָך בײַ אײַך געבעטען ער זאָל מיר נאָך געבען אויף אַ בהמה, מיר זאָלען האָבען מילך פאַר מײַן קראַנקע פרוי און קינדערלאַך, וואָלט דאָך שוין גאָר צו מיר קיין גלײַכבען ניט געווען".

דער ראַבינער האָט געשמײכעלט און געזאָגט: „נו, גוט איך וועל אײַער בקשה ממלא זײַן", און איז גלײַך צוריק אַרײַן אין קאַבינעט פון ה' גינזבורג און מיט אַ שמײכעל איהם דערצעהלט, דאָס וואָס דער רב האָט איהם געזאָגט.

„זאָל דער רב אַוועקגעהן", האָט ער אויסגעשריען אויפ'ן קול, וועלכען דער רב האָט געהערט און דערבײַ האָט ער דעם ראַבינער געגעבען נאָך 50 רובל וואָס דער ראַבינער האָט דעם צוטומעלטען רב איבערגעגעבען.

אַרויסגעהענדיג האָבען זײַנע הענט געציטערט פון פרייד.

„וואָס איז שייך? האָט ער פאַרוואונדערט געזאָגט, שרײַט אַלײן אַז ער גיט ניט, בעת ער גיט אַלץ וואָס מען פערלאַנגט".

יאָהרען זײַנען פאַריבער. אין יאָהר 1919 ווען דער ראַבינער אײַזענשטאַדט איז פאַרבײַגעפאָהרען מינסק האָט ער בעזוכט דעם דאָרטיגען רב ר' אליעזר ראַבינאָוויץ.

בעת זיי זײַנען געזעסען אין אַ בעזונדער חדר און האָבען גע־רעדט וועגען עניני הכלל איז דעם מינסקער רב'ס זוהן אַרײַן און האָט אויף אַ מינוט אַרויסגערופען דעם פאָטער.

ווען ר' אליעזר ראַבינאָוויץ איז צוריק אַרײַן האָט ער געזאָגט: „דאָ בײַ מיר אין אַ צווייטען חדר זיצען אייניגע רבנים וועלכע זײַנען געקומען פון די אַרומיגע שטעדטלאַך; זיי ווילען אײַך בעגריסען, בעזונדערס אָבער וויל אײַך בעגריסען אַ רב, וועלכער האָט מיר געבעטען אײַך זאָגען אויף איהם אַ סימן, אַז ער איז דער רב פון דער שטוב און דער בהמה.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך אַמאָהל מוז דאָ בעטאָנט ווערען, אַז אַזוי פיעל וויפיעל

ה׳ גינזבורג האָט געטאָהן פאַר אידען האָט ער אויך געטאָהן פאַר ניט־אידען.

בעזונדערס האָט ער געשטיצט אַלע, וועלכע האָבען געהערט צום פלאָט און האָבען זיך גענויטיגט אין זיין הילף.

ער פלעגט שטענדיג זאָגען און זאָגט נאָך היינט: „זיי האָבען מיך שטענדיג געשטיצט ווען איך האָב זיך גענויטיגט אין זייער הילף און דאָס וועל איך קיינמאָהל ניט פערגעסען.“

רוסישע פאָלקס שולע אין ראַדזיווילאָוו

קאפיטעל 7.

ס'איז אויסגעבראָכען די וועלט מלחמה.

די אידען האָבען געטהאָן אַלץ כדי צו דערפילען זייער חוב צום לאַנד.

ה' משה גינזבורג שאַפט גלייך אין זיין אייגענער הויז אויף אוראַלער גאַס אויפ'ן אייגענעם חשבון אַ קראַנקען הויז פאַר פערוואונדעטע מאַטראָסען ווי אויך אַנ'אַזיל פאַר די פרויען און קינדער פון די געפאַלענע מאַטראָסען אין מלחמה.

ווי די קראַנקע אַזוי אויך די פרויען און קינדער ווערען בעהאַנדעלט אויף דעם בעסטען אופן און ווערען פערזאָרגט מיט אַלץ וואָס ס'איז נויטיג. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אַז דיביידע אַנשטאַלטען ווערען אומעטום געלויבט.

אין דער זעלבער צייט הויבען זיך אָן די אידישע צרות, און ליידען. עס הויבען זיך אָן די גרושים פון פערשידענע שטעדט און שטעדטליך, טויזענדער פאַמיליעס ווערען דורך נאַכט אַרויסגעיאָגט פון זייער היימאַט; מען האָט קיין רחמנות ניט אויף אַלטע, קראַנקע, פרויען און קינדער; עס הויבט זיך אָן אַ וואַנדערשאַפט, אַ יאָמער און קלאָג. עס זיינען געשעהן אַזעלכע ווילדע מעשים וואָס עס לאָזט זיך גאָר ניט גלויבען.

דער מאַן, דער זוהן, זיינען אַלס סאָלדאַטען אַוועקגעגאַנגען פאַרגיסען זייער בלוט, אָפּגעבען זייער חוב פאַר רוסלאַנד, און די פרוי, די קינדער פון אָט די סאָלדאַטען ווערען בעטראַכט אַלס פערברעכער אויף וועלכע מען דאַרף ניט האָבען קיין רחמנות, קיין מיטלייד. דער געשריי פון די אומגליקליכע האָט געמאַכט אויפציטערען אַלע אונזערע ברידער, וועלכע האָבען געהאַט דעם גליק צו וואוינען ווייט פון די מלחמה־פלעצער.

אין פעטערבורג האָט זיך געגרינדעט דער גרויסער צענטראַלער קאָמיטעט צו שטיצען די אומגליקליכע. אין קאָמיטעט זיינען אַריין פאָרשטעהער פון אַלע ריכטונגען און זיי האָבען געאַרבייט טאָג און נאַכט, זיך ממש מקריב זייענדיג כדי צו לינדערן די צרות פון די פאַרטריבענע.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז איינער פון די ערשטע אין אָט דעם צענטראַל-קאָמיטעט איז געווען ה' מ. גינזבורג, וועלכער האָט מיט גרויסע סומעס געלט געשטיצט דעם קאָמיטעט. אַלע בעראַטונגען, אַלע הויפּטזיצונגען פון דעם צענטראַל קאָמיטעט זיינען געווען אין זיין וואוינונג.

צו יענער צייט זיינען זעהר אָפט פאָרגעקומען צוזאַמענפאָהרען פון דער פראָווינץ, וואו יעדער דעלעגאַט האָט פון צענטראַל-קאָמיטעט פערלאַנגט שטיצע פאַר זיין ראַיאָן. — אַלץ איז פאָרגעקומען ביי ה' גינזבורג.

אין 1915 בעקומט ה' גינזבורג פון דער רוסישער רעגירונג אַ באַפולמעכטיגונג צו פאָהרען קיין אַמעריקאַ.

די רעגירונג האָט זיך דאַן גענויטיגט אין צוויי זאַכען: ערשטענס האָט זי ניט געהאַט גענוג קריעגס-מאַטעריאַלען און צווייטענס האָט איהר געפעלט געלט.

אָט די צוויי זאַכען — גאַר ניט קיין קליינע — האָט געדאַרפט בעזאָרגען ה' גינזבורג.

ה' גינזבורג האָט די מיסיע אָנגענומען און האָט זיך געלאָזען אין דער ווייטער און שווערער וועג דורך אַרכאַנגעלסק.

ווי שטענדיג אין זיין לעבען, האָט ער אויסגעפיהרט אַלץ וואָס ס'איז אָבהייננגיק פון איהם זעלבסט, פון זיין אַרבייט, ענערגיע און פּינקטליכקייט; ער האָט אָבער ניט געקענט אויספיהרען דאָס, וואָס ס'איז אָבהענגיק געווען פון דעם ביייזען ווילען פון אַנדערע.

די קריגס-מאַטעריאַלען האָט ער בעזאָרגט און אָפּגעשיקט קיין רוסלאַנד, אָבער וואָס ס'איז נוגע געווען צו דער הלואה — דאָס איז שוין אַנ'אַנדער זאַך.

גלייך ווי ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק האָט ער זיך פאַרבונדען מיט דעם ניט לאַנג פערשטאָרבענעם ה׳ מאַרשאַל, וועלכער איז פשוט געווען דער פיהרער פון אַמעריקאַנער אידענטום.

דורך זיין פערמיטלונג האָט ער זיך געטראָפען מיט דעם בע־ריהמטען באַנקיר און אידישען פילאַנטראָפּ יעקב שיף, וועלכער איז געשטאַנען פערבונדען מיט די גרעסטע פינאַנסיסטען.

מיט דעם באַנקיר האָט ה׳ גינזבורג געפיהרט אונטערהאַנדלונגען וועגען דער הלואה.

אַלס הייסער איד, האָט דער באַנקיר יעקב שיף מסכים געווען צו געבען דער רוסישער רעגירונג אַ הלואה פון צוויי הונדערט מי־ליאָן, אָבער מיט איין תנאי: רוסלאַנד זאָל מאַכען אַ סוף צו אַלע בעגרעניצונגען אויף אידען און געבען זיי פולשטענדיגע גלייכבע־רעכטיגונג מיט די אַנדערע איינוואוינער פון לאַנד.

די בעדינגונג האָט ה׳ גינזבורג פינקטליך איבערגעשיקט דער רוסישער רעגירונג. מען קען זיך פאָרשטעלען אויף וויפיעל ס׳האָט איהם געקריינקט ווען דער פאָרשלאַג איז ניט אָנגענומען געוואָרען און מען האָט איהם אויף דעם אפילו קיין תשובה ניט געגעבען.

קיין תשובה — איז אויך אַ תשובה.

מיט אַ פערביטערטען געמיט האָט ה׳ גינזבורג זיך צוריקגעקעהרט אַהיים. עס זיינען געווען ביי איהם מאָמענטען אין אַמעריקא ווען ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט זיין דער שליח פאַר זיינע אומגליקליכע ברידער אין רוסלאַנד, צו אַרויספיהרען זיי פון דער קנעכטשאַפט, אָבער דאָס איז געווען ניט מעהר ווי אַ חלום.

אין רוסלאַנד האָבען זיך געצויגען די אידישע יסורים און ליידען ביז עס איז געקומען די צייטווייליגע רעגירונג און די אידען האָבען פריי אָפּגעאָטעמט.

אָבער נאָר אַ קורצע צייט האָט געדויערט דער אַלגעמיינער יום טוב פון ליכט און פרייהייט.

עס האָט אויסגעבראָכען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע און עס איז געוואָרען אַ שרעקליכע מהומה.

דעם 30־טן מאַי 1917 האָט ה׳ גינזבורג מיט זיין פרוי פאַרלאָזען רוסלאַנד, איבערלאָזענדיג דאָרט דעם גרעסטען טייל פון זיין פאַרמעגען, זיינע פּאַלאַצען און איז דורך די סיבירער אייזענבאַהן אַוועקגעפאָהרען קיין יאפּאַן און איז ווידער געקומען אין יאָקאהאמא.

דאָרט אין יאקאהאמא, האָט ער שוין געפונען ביי אַ פיער הונדערט אידען, וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון רוסלאַנד.

אַלע זיינען זיי געווען כמעט הייל און נאַקעט און האָבען פשוט זיך געוואַלגערט אויף די גאַסען אונטערן פרייען הימעל.

ווי ה׳ גינזבורג האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט ער גלייך צו זיך איינגעלאַדען זיינעם אַנ'אַלטען פריינד, אַנ'ענגלישען איד, און האָט זיך מיט איהם בעראַטען וואָס צו טאָהן פאַר די נייע איינגעוואַנדערטע.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער ענגלישער איד האָט אויסגעפונען אַ גרויסע הויז, פאַר וועלכער ה׳ גינזבורג האָט בעצאָהלט צוועלף טויזענד יען, האָט איינגעקויפט די נויטיגע מעבעל און געבראַכט אַלץ אין אָרדענונג. איידער די אומגליקליכע זיינען אריין אין די פאַר זיי צוגעגרייטע וואוינונגען האָט מען זיי פריהער געפיהרט אין מרחץ, דאַן האָבען זיי בעקומען נייע וועש און קליידער און דערנאָך זיינען זיי געקומען אַהיים און געפונען די טישען געגרייט צום עסען און טרינקען.

אַ לענגערע צייט האָט ה׳ גינזבורג אַלעמען אויסגעהאַלטען אויף זיין אייגענעם רעכנונג, ביז אַנ'אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָט זיי איבערגענומען אויף איהרע הוצאות.

פונדעסטוועגען זיינען די עמיגראַנטען ניט געבליבען אין יאקאַהאמא. ביסלאַכווייז האָבען זיי אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע מיט דער הילף און שטיצע פון אונזער ה׳ גינזבורג.

צוויי מיט אַ האַלב יאָהר איז ה׳ גינזבורג פערבליבען אין יאקאַהאמא און אין 1920 איז ער מיט זיין פרוי געקומען קיין פאַריז.

די אידישע שולע פאר מיידלאך אין ראדזיוויללאוו

קאפיטעל 8.

אין פאריז האט זיך שוין צו יענער צייט געפונען א קלײנער הייפעל פון רוסיש־אידישע עמיגראנטען, צווישען זיי די פארשטעהער פון די געוועזענע קהלות אין פעטערבורג, מאסקווא, קיעוו און אנדערע גרויסע שטעדט, ווי די בעקאנטע פערזענליכקייטען: באראן אלפרעד גינצבורג, ה"ה ב. סליאזבערג, ס. פאליאק, ד'ר פאליאק, א. דאברי, י. ניידיטש, ב. קאמינקא, נח גארדאן, מ. קאבינסקי, י. יעפרויקין, דער אדוואקאט גאלדשטיין, פאמיליע מ. האלפערין, ווילענקין און פיעל אנדערע. די קליינע קאלאניע האט דעם גאסט מיט פרייד אויפגענומען און מיט דער זעלבער שמחה האבען איהם אויך בעגעגענט אלע זיינע אלטע פריינד, די געוועזענע אדמיראלען פון אמאליגען רוסישען פלאט. צו דיעזער צייט האט שוין עקזיסטירט אין פאריז די געזעלשאפט צו שטיצען די רוסישע אידען, וועלכע איז געגרינדעט געווארען דורך דער איניציאטיוו פון ה' ב. סליאזבערג און באראן אלפרעד גינצבורג. (די געזעלשאפט עקזיסטירט נאך יעצט. ה' א. דאברי איז דער פרעזידענט, עהרען פרעזידענטען: באראן אלפ. גינצבורג און ה' ב. סליאזבערג, וויצע פרעזידענטען: הרב ד"ר מ. א. אייזענשטאדט און ה' ס. פאליאק). זעלבסטפארשטענדליך, אז ה' מ. גינזבורג האט גלייך אנגעהויבען אנטייל צו נעהמען אין דער געזעלשאפט דורך זיינע שפענדונגען און ווידער האבען זיך ברייט געעפענט זיינע טירען פאר זיינע לאנדסלייט, אידען און ניט אידען אהן אונטערשייד.

אין יאָהר 1926 האָט זיך געגרינדעט אין פּאַריז די רוסיש־אי־דישע קהלה אונטער דעם נאָמען „אהל יעקב" און דער געוועזענער פּעטערבורגער ראַבינער ד"ר מ. אייזענשטאַדט איז אויפגענומען גע־וואָרען אַלס ראַבינער פון דער נייער קהלה. אין פּרעזידיום פון דער קהלה זיינען אויסגעוואוילט געוואָרען די פאָלגענדע פּערזאָנען:

באַראָן אַלפרעד גינצבורג, ה' ב. סליאָזבערג, ה' מ. גינזבורג, ה' ד"ר פּאָליאַק, ס. פּאָליאַק, א. דאָברי, ב. קאַמינקא, מ. הייל־פּערין, פּראָפ. חאַווקין, מ. קאַדינסקי, נ. גאָרדאָן, מ. סופר, י. ניידיטש, זלאַטאָפּאָלסקי, שיק.

די נייע קהלה האָט, דורך דער איניציאַטיוו פון ראַבינער, גלייך געגרינדעט אָוועגד־שוהלען אין אַלע טיילען פון פּאַריז און אויך אַרום פּאַריז, וואו די קינדער האָבען געלערענט אַלע אידישע למודים. די שוהלען זיינען געוועזן פערבונדען מיט פיעל הוצאות — און דאָס האָבען כמעט אויף זיך געטראָגען די אויבען־דערמאָהנטע פּערזאָנען. דעם אויבען־אַן האָט, פערשטעהט זיך, פערנומען ה' מ. גינזבורג. אין דער געזעלשאַפט „די פריינד פון די אידישע סטודענטען" איז מ. גינזבורג ווידער איינער פון די ערשטע, וואָס חוץ זיינע יעהר־ליכע אָפּצאָהלונגען קומט ער אויך שטענדיג צו הילף מיט גרעסערע סומען אין אַ איינגע צייט — און דאָס קומט פאַר גאַנץ אָפט.

אין די אַלע חברות, ווי אידישע און ניט אידישע איז שטענ־דיג ה' מ. גינזבורג דאָ.

די אַלע משולחים, שד"רים פון פּוילען, ליטא און אַנדערע לענדער, וועלכע קומען קיין פּאַריז זאַמלען געלט פאַר די ישיבות און אַנדערע מוסדות, ווענדען זיך דורך דעם ראַבינער אייזענ־שטאַדט גלייך צו איהם זיין נאָמען מוז זיין דער ערשטער אין זייערע פּנקסים — אַנדערש געהט עס ניט.

מיט איין וואָרט אויך היינט, ווי אַמאָל אין פּעטערבורג, מאַכט זיך ביי איהם ניט צו די טיר פון נויטבעדערפטיגע בעזוכער, וועלכע ווענדען זיך צו איהם.

טאָג טעגליך בעקומט ער שריפטליכע בקשות, ניט נאָר פון פּאַ־

ריז נאָר אויך פון די פערשידענסטע שטעדט, און איבערהויפּט פון זיין היימאַטס־שטאָדט ראַדזיווילאָוו און איהר סביבה.

קומט מען צו ה' מ. גינזבורג, בעזונדערס פאַר מיטאָג, געפינט מען ביי איהם אויפ'ן טיש אַ באַרג מיט בקשות־בריעף, וועלכע דער סעקרעטאַר לייענט איהם פאָהר.

די בריעף זיינען געשריבען אין פערשיעדענע לשונות: דאָס איז אָפּהיינגיג ווער עס שרייבט און פון וואַנען מען שרייבט. אַ וואונדערבאַר שיינע אייגענשאַפט האָט ה' מ. גינזבורג — יעדער בריעף מוז ווערען דורכגעלעזען און מען מוז אויף איהם ענטפערען.

עס איז ווירקליך אינטערעסאַנט צו זעהן ווי בעזונדערס די איינוואוינער פון ראַדזיווילאָוו און פון דער סביבה בעטראַכטען נאָך ער היום דעם ה' גינזבורג אַלס זייער שטיצער און שטענדיג ווענדען זיי זיך צו איהם.

דורך דער רעוואָלוציע האָט מ. גינזבורג פערלאָרען ניינציג פּראָצענט פון זיין פערמעגען, אָבער זיין גוט־הארץ איז איהם געבליבען גאַנץ. ער טוט אַלץ וואָס ער קען. ווען מען קומט צו ה' מ. גינזבורג און ער איז גוט אויפגעלייגט, איז אַ סימן, אַז היינט האָט ער צושיקט שטיצע און בעפרידיגט די בקשות פון די, וואָס האָבען זיך צו איהם געווענדעט. ווען ער איז אָבער שלעכט געשטימט, דאַרף מען פאַרשטיין אַז ער האָט ניט געקענט טאָהן דאָס, וואָס מען פאַרלאַנגט פון איהם, ווייל ניט געבען, ניט העלפען איז זיין גרעסטער קימער און שמערץ.

מיט צוויי יאָהר צוריק האָט זיך די ראַדזיווילאָווער קהלה געווענדעט צו ה' מ. גינזבורג ער זאָל זיי אויסהעלפען מיט אַ געוויסע סומע אויפצובויען די גרויסע שוהל, וועלכע איז צושטערט געוואָרען בשעת דער וועלט מלחמה.

ווי שווער ס'איז איהם ניט געווען, האָט ער אויף דעם דאָך בעשטימט פינף טויזענד דאָלאַר. די קהלה מיט איהרע פאַרשטעהער און רבנים האָבען איהם פאַר דער נדבה געדאַנקט און געבענשט.

מיט אַ צייט שפּעטער האָבען זיי איהם ווידער מיטגעטיילט, אַז

זיי פעלט נאָך עפּעס אויס כדי אַלץ צו פאַרענדיקן. ער האָט זיי דאַן ווידער געשיקט צוויי מיט אַ האַלבן טויזנט דאָלאַר.

די שוהל איז יעצט שוין כמעט פאַרענדיקט. ס'פעלט נאָר די אינערליכע איינריכטונג. דער חשוב'ער זקן טראַכט זעהר פיעל וועגן דעם, האָטש ער מיידט אויס דערפון צו ריידען.

זעהר אָפט האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ער בעדויערט זעהר, וואָס ער האָט ניט די מעגליכקייט אויסצובויען אין ראַדזיווילאָוו אַ בנין פאַר דער תרבות - שולע, אין וועלכען זי נויטיגט זיך זעהר שטאַרק.

אָבער אויב ער איז יעצט ליידער ניט אומשטאַנד אויפצוטאָהן גרויסע זאַכען טוט ער דאָך צדקה יעדען טאָג. ווען דאָ ניט לאַנג צ. ב. האָט די געגענד בעלוויל געגרינדעט אַ נייעם אַמבולאַטאָריום פאַר די אידישע איינגעוואַנדערטע מיטן נאָמען „לינת הצדק" איז זיין נדבה געוועזן די גרעסטע, און דאָס גאַנצע אָנוועזענדע פּובליקום האָט מיט פרייד בעגריסט זיין נאָמען, וועלכער איז אַזוי פּאָפּולער און בעליעבט.

ס'איז קיין וואונדער ניט וואָס דער אכציגיעהריגער געבורטסטאָג פון דעם גרויסען פילאַנטראָפּ איז אַזוי שיין און פּראַכטפול געפייערט געוואָרען דאָ אין פּאַריז.

שוין מיט עטליכע חדשים פאַר זיין געבורטסטאָג האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט פון פאָלגענדע פּערזאָנען: ראַבינער אייזענשטאַדט, פּראָפ. אַלעקסינסקי, באַראָן אַלפרעד גינצבורג, וו. דמיטריעוו, יערמאַקאָוו, רוסין, ב. סליאָזבערג.

דער קאָמיטעט האָט גערעכענט איינצואָרדענען די פייערונג ווי געוועהנליך אין אַ גרויסען זאַל, אָבער ווי ה' גינזבורג מיט זיין געעהרטער פרוי האָבען זיך דערפון דערוואוסט האָבען זיי ביידע זיך אַרויסגעזאָגט דעגען. בעזונדערס האָט זיך געגענגעשטעלט ה' מ. גינזבורג, וויל ער האָט געוואָלט פאַרברייגען זיין געבורטסטאָג גאַנץ רוהיג אין דעם קרייז פון זיינע פריינד און בעקאַנטע ביי זיך אין דער היים.

משה גינזבורג

און זיין וואונש איז דערפילט געוואָרען, אָבער נאָר טיילווייז, ווייל אזא יום טוב איז אונמעגליך געווען צו פארשווייגען. פון זיך אליין איז זיין געבורטסטאָג פארוואנדעלט געוואָרען אין א זעהר אימפּאזאנטען יום טוב.

שבת צו נאכט 6 א זייגער (ב' דחנוכה תרצ"ב) האָט דאָס פּובליקום פון גאָר פערשידענע קרייזען: אידען און ניט - אידען, פריינד און פערעהרער, אָנגעהויבען צו ציהען זיך צו זיין וואוינונג כדי צו גראטולירען איהם.

פון איין זייט זיינען דאָ געווען די דעלעגאציעס פון די פערשיעדענסטע אידישע אנשטאלטען מיט ד' פּאָרשטעהער פון „אהל יעקב" בראש. פון דער אנדער זייט דעלעגאציעס פון פערשידענע רוסישע וואָהלטעטיגע אינסטיטוציעס מיט דעם מיטראָפּאָליט יעוולאָגי אין דער שפּיץ, אדמיראלען פון געוועזענעם רוסישען פלאָט, הויכגעשטעלטע בעאמטע פון דער אמאָליגער רעגירונג, ווי מאקלאקאָוו, פּיאָדראָוו א. א.

צו דער פייערונג איז אויך געקומען דער גראן ראבען ה' ישראל לוי, וועלכער האָט פערזענליך מיט זיין אָנוועזענהייט געוואָלט אויסדריקען זיין אָנערקענונג פאר די לייסטונגען פון דעם הויכגעשטעלטען יובילאר.

ס'האָבען זיך אָנגעהויבען די מיטנדליכע בעגריסונגען.

דער ערשטער האָט גערעדט דער ראבינער ד"ר מ. אייזענשטאדט, וועלכער האָט בעזונדערס בעטאָנט, אז דער חשוב'ער מ. גינזבורג האָט ווי א טרייער זוהן פון אידישען פאָלק אָבגעהיט דעם הויפּט געבאָט פון אונזער רעליגיע: אלע מענשען גלייך צו ליעבען, דערייבער מאכט ער קיין מאָל ניט קיין אונטערשייד אין זיינע מעשים טובים צווישען אידען און ניט אידען — דערמיט איז ער מקדש השם און דערפאר זיינען אויף איהם מקוים געוואָרען די ווערטער פון דעם נביא „ונתתי לך שם טוב מבנים ומבנות" *)

---

*) איך וועל דיר געבען אזא נאָמען, וואָס וועט זיין בעסער נאָך ווי זיהן און טעכטער.

ה׳ ב. סליאָזבערג האָט אָנגעוויזען אויף די גרויסע אַרבייט פאַר דעם כלל וואָס ה׳ מ. גינזבורג האָט אין זיין לעבען געטאָהן.

עס האָט גערעדט דער באַראָן אַלפרעד גינצבורג, פרוי ווילענקין ווי אויך די פאָרשטעהער פון דער רוסישער געזעלשאַפט. דער אינהאַלט פון אַלע רעדעס איז כמעט געווען דער זעלבער: אַ שבח דעם זעלטען־ווירדיגען אַכציג יעהריגען ה׳ משה גינזבורג און אַ ווונש ער זאָל נאָך לאַנג לעבען.

די צאָהל פון אַדרעסען, בריעף און טעלעגראַמעס, וועלכע זיינען ערהאַלטען און געלעזען געוואָרען דעם אָוועננד, פון פאַרשידענע לענדער און פערזאָנען פון אידען און ניט אידען, פון אידישע קהלות, אַנשטאַלטען ווי אויך פון גרויספירסטען און אַנדערע הויכע פערזענליכקייטען דערגרייכט פיעל הונדערטער. בעזונדערס איז מיט גרויסע אַפּלאָדיסמענטען אויפגענומען געוואָרען די ידיעה, אַז משה גינזבורג, איז אָפיציעל בעשטימט געוואָרען אַלס עהרען־בירגער פון ראַדזיווילאָוו, און אַז אַ גאַס וועט זיך רופען אויף גינזבורגס נאָמען.

אין די אַדרעסען און בריעף זיינען דאָ פיעל זעהר אינטערעסאַנטע פאַקטען, וועלכע האָבען אַ ווערט פאַר דער מעמואַרען־ליטעראַטור און דעריבער געפינען זיי זיך אין אַרכיוו. נאָר אייניגע פון זיי ווערען דאָ אָפּגעדרוקט אין דער הוספה.

די דרשה וועלכע עס האט געהאלטען
דער ראבינער ד"ר מ. א. אייזענשטאדט
ביים ערעפענען פון דעם „מושב זקנים"
אין פעטערבורג.

„זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו“.

„דעם טאָג האָט אונז גאָט געשיינקט — וועלען מיר זיך פרייען און משמח זיין אין איהם“. דעם טאָג פייערט אונזער געמיינדע פון דער הויפט־שטאָדט איהר גרויסען יום־טוב פון וואָהלטעטיגקייט. היינט איז ענדליך פאַרפולט געוואָרען יענער גרויסער בלייז, וועל־כער האָט זיך אַזוי שטאַרק געלאָזט פילען אין אונזער געמיינדע פון איהר גרינדונגס־טאָג אָן.

אונזער הויפטשטאָדטישע אידישע געמיינדע, וועלכע קען מיט איהרע וואָהלטעטיגע און בילדונגס אַנשטאַלטען דיענען אַלס מוסטער פאַר אַלע פּראָווינציעלע געמיינדעס, האָט, צו דער ערשטוינונג פון זייער פיעל, ביז היינטיגען טאָג נאָך ניט פאַרמאָגט קיין היים פאַר אָרימע אַלטע לייט. מען האָט געקענט מיינען, אַז אונזער געמיינדע נויטיגט זיך בכלל ניט אין אַזאַ מוסד, ווען צענדליגער שוואַכע און הילפסלאָזע זקנים וואָלטען אונז טאָג־טעגליך ניט דערמאָנט אָן דעם הפך.

און וואָס קען זיין שענער און העכער, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען וואָהלטעטיגקייט, ווי אַ מושב־זקנים, וועמענס ציעל ס׳איז צו שאַפען אַ היים פאַר אונזערע ברידער אויף די עלטערע יאָהרען?

חז״ל האָבען אונז געלערנט, אַז מיר דאַרפען טאָהן גוטס צוליעב גוטס אַליין און ניט צוליב׳ן שכר וואָס אונז ערוואַרטעט. „אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס“. „זייט ניט

ווי די קנעכט וואָס דינען דעם הער מיט'ן אויסזיכט צו בעקומען אַ בעלוינונג, נאָר זייט ווי די באַדינער, וועלכע האָבען ניט אין זינען די באַלוינונג".

אין יעדען אַרט וואָהלטעטיקייט איז אין אַ געוויסער מאָס — זאָל זיין אַפילו אומבּאַוואוסטזיניג — פאַראַן אַ אויסרעכנונג אויף דאַנקבאַרקייט פון אונטערשטיצטען.

אָט איז די געזעלשאַפט צו פאַרזאָרגען די אָרימע, קליינע יתומים'לאַך, די חברה אויפצונעהמען פרעמדע דורכרייזענדע, די חברה צו העלפען אָרימעלייט — דאָס אַלץ זיינען געבענשטע מעשים, וועלכע פאַרדינען די העכסטע אָנערקענונג און דאַנקבאַר־קייט.

וואָס וואָלט געוואָרען פון די קליינינקע יתומים'לאַך, ווען מען וואָלט זיי פאַרלאָזען אויף זייער אייגענעם גורל, אָן השגחה און אָן שוץ? וויפיעל אָרימע קראַנקע וואָלטען פריצייטיג אומגעקומען, ווען אַ זאָרגפולע האַנד וואָלט זיי ניט אָפגעהיט, ניט מיטגעהאָלפען צו זייער געזונטוועהרען, און וויפיעל וואַנדערענדע וואָלטען אומגע־קומען פון הונגער און פון קעלט, ווען גוטהערציגע מענשען וואָלטען זיי ניט דערוואָרימט און ניט צוגעטוליעט!

אָבער יתומים ווערען מיט דער צייט גרעסער, קראַנקע ווערען געזונד, וואַנדערענדע שטעלען זיך ביי דער ערשטער געלעגענהייט צוריק אויף די פיס — זיי ווערען אַקטיווע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט און אין זיינער צייט וועלען זיי זיך אָפּצאָהלען מיט גוטס פאַר דער בעקומענער הילף.

קען מען דען זאָגען דאָס זעלבע וועגען די אָרימע אַלטע־לייט? זייערע בעסטע יאָהרען זיינען אַוועק אויף זיך מעהר ניט אומצוקער־רען, די האָפענונג וועלכע בעפליגעלט אונז אַלעמען און גיט אונז די מעגליכקייט אַריבערצוטראָגען אַלע אכזריותן פון גורל, האָט זיי פאַרלאָזען שוין אויף אויביג. ווען די זון האַלט ביים פאַרגיין קען זי שוין מעהר ניט שיינען מיט'ן פריהמאָרגען־שיין. און אַזוי,

אויסגעמאַטערטע פון לאַנגען קאַמף פאַר אַ נישטיגע עקזיסטענץ, איינזאַמע, פאַרלאָזענע פון אייגענע און בעקאַנטע, איינגעבויגענע אונטער'ן שווערען יאָך פון איבערלעבונגען און יאָהרען — שטרע־קען זיי אויס זייערע אויסגעדאַרטע און ציטערענדע הענד צו אונז נאָך הילף. די ציטערענדע שטימע פון די וואָס בעטען זאָרגפעלי־קייט און שוץ דרינגט דורך אונזערע הערצער, ווייל דאָס איז אַ קול פון אַזאַ, וואס אנערקענט זיין שוואַכקייט, זיין פולשטענדיגע אומבאַהאָלפענקייט.

ווען איך זעה יתומים באַוויינענדיג מיט הייסע טרעהרען דעם טויט פון זייערע טייערע עלטערען, ווען איך הער די קרעכצען פון ליידענדע און קראַנקע, פיהל איך זיי מיט פון גאַנצען האַרצען און איך וואָלט גרייט געווען אַלץ צו טאָהן כדי צו פאַרגרינגערען זייערע וויטאָגען און לײדען, אָבער טויזענד מאָל שרעקליכער איז מיר צו זעהן די קאַלטע טרעהרען פון די אַלטע אויגען, פול מיט פאַרצווייפ־לונג און האָפענונגסלאָזיקייט.

ניט אומזיסט ציטערט אויף אונזער האַרץ, ניט אומזיסט בעגיסען מיר זיך מיט הייסע טרערען איבערהזרענדיג אַ סך מאָל אין יאָהר די תפלה „אל תשליכנו לעת זקנה ככלות כחנו אל תעזבנו“, „ניט וואַרף אונז אַוועק אויף דער עלטער, ווען אונזערע כחות וועלען אויסגיין, זאָלסטו אונז ניט פאַרלאָזען“, ווייל אַלטקייט איז דער חלק פון די אַלע וועמען ס'איז בעשערט לאַנג צו לעבען, און די ענדערונגען פון גורל זיינען ניט בעוואוסט.

וואויל איז דעם, וועלכער קען רוהיג און אָן דאגות פערברייינגען זיינע לעצטע יאָהרען, און ווי איז יענעם, וואָס איז אויף די על־טערע יאָהרען אַוועקגעוואָרפען און פאַרלאָזען פון אַלעמען.

די תורה זאָגט אונז: „מפני שיבה תקום והדרת פני זקן“ „שטיי אויף פאַר אַ גרייז־גרויען און רעספעקטיר אַ זקן“. דער דרך ארץ האָט אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער באַהויפּטונג, אַז דער עלטער פון יעדער מענשען איז שוין אַליין אַ סימן אויף געוויסע מעלות פון דעם יעניגען. אויסער דעם פאַרדינט דער עלטערער מאַן אונזער

רעספּעקט אַלס אַזאַ וואָס קען דעם לעבען און וואָס האָט דורכגעמאַכט פאַרשיעדענע נסיונות, און טאַקע דעריבער פלעגט ר' יוחנן זיך שטעלען אפילו פאַר ניט קיין אידישען זקן, זאָגענדיג: „ווי־פיעל איבערלעבונגען האָט ער געהאַט!“ „כמה רפתקאות עדו עליו“.

דער עלטערער מענש פאַרדינט אַ ספּעציעלע אַכטונג אַלס אַ געבענשטער פון גאָט. ווי אָפט לייענען מיר אין דער תורה, אַז פאַר גוטע מעשים, ערליכקייט און פרומקייט, וועט זיין דער שכר אריכת ימים, לאַנגע יאָהר. און ווי ווייניג זיינען די אויסדערוויילטע וואָס בעקומען פון גאָט אַזאַ שיינע בעלוינונג.

אַלע בעטען מיר דעם אויבערשטען: „אלי אל תעלני בחצי ימי“ „גאָט מיינער, ניט נעם מיר אַוועק אין מיטען פון מיינע טעג“. אַלע ווילען מיר דערלעבען ביז'ן אָווענט פון אונזערע יאָהרען און אַוועקגעהן אין דער אויביגקייט בשיבה טובה, זקן ושבע ימים אין אַ גוטער עלטער און אָנגעזעטיגטע פון לעבען — דאָס איז אונזער אַלעמענס האָפענונג און שטאַרקסטער ווילען, אָבער דעם גליק דערגרייכען נאָר די אויסדערווילטע פון גאָט.

און פונדעסטוועגען אָט די אויסדערוויילטע, פאַרלירענדיג די פעהיגקייט צו פיזישער אַרבייט, זיינען זיי געווען אויסגעשטעלט אויף הונגער און קעלט. וואָס פאַר אַ שאַנדע, וואָס פאַר אַ חרפּה! צו איז דען אַזאַ ערשיינונג ניט אין דער גרעסטער מאָס בעליידיגענד? זיינען דען מיר, די פאָרשטייער פון דער געמיינדע, אומדירעקט, ניט שולדיג אין זייערע לידען און פיין?

אמת, אונזער געזעלשאַפט צו שטיצען אָרימע, האָט אַ גרויסען טייל פון איהרע אייגענע הכנסות אָפּגעגעבען אויף אויסצוהאַלטען די אַלטע, וועלכע נויטיגען זיך אין הילף, זי האָט זיי געהאָלפען, ווי ווייט מעגליך, מיט אַ טאָג־טעגליכער אונטערשטיצונג אויף דירה און פּראָדוקטען, און אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, האָט זי זיי בעזאָרגט מיט רפואות. אָבער די סומען, וועלכע זיינען דער געזעלשאַפט שטאַרק צו לאַסט געפאַלען זיינען געווען ווייט ניט גענוגענד צו בעפריעדיגען די בעדערפנישען פון די אַלטע לייט.

דער אַזיל פאַר די אידישע פליכטלינגע (פליטים) איז יאקאהאמא

די געזעלשאַפט צו שטיצען אָרימע פאַרמאָגט אַזוי פיעל וואָהלטעטיגע געביטען, אַז דאָס בעזאָרגען פון די נויטבעדערפטיגע איז מער ניט ווי איינער פון איהרע פיעלצאָהליגע פליכטען.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז די געזעלשאַפט, וועלכע איז שטאַרק בעגרעניצט אין איהרע מיטלען, ווייל די צאָהל מנדבים איז פערהעלטניסמעסיג ניט קיין גרויסע, קען ניט מקריב זיין קיין אַנדערע וואָהלטעטיגע מוסדות צוליעב דעם מושב־זקנים.

ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער, אַז אונזערע אַלטע לייט, וועלכע נייטיגען זיך אין אונזער הילף, האָבען ביז היינטיגען טאָג געלעבט אין די שווערסטע בעדינגונגען.

ביי אַזאַ יקרות וואָס הערשט ביי יעצטיגען מאָמענט און מיט אַזעלכע נישטיגע סומען וואָס געפינען זיך אין זייער רשות, זיינען זיי געוועזען געצווינגען צו וואַלגערען זיך אָן זון און אָן שיין אין די פינסטערע ווינקלען, אין די קעלערס און אויף די בוידעמס.

און אויב די פיס האָבען זיך אָפּגעזאָגט זיי צו דיענען און צו געהן אין דער אידישער ביליגער קיך, איז זיי אויסגעקומען צו ערנערען זיך מיט טרוקענע ברויט.

און אַזוי, ווייט פון אונזער אויג, זיינען אָט די אַלטע לייט געזעסען און ביטער געוויינט אויף זייער גורל.

זיי האָבען ניט געוואוסט ניט פון קיין שבת און ניט פון קיין יום־טוב — אַלע טעג זיינען פאַר זיי געוועזען טעג פון געוויין און צרות.

און פונדעסטוועגען, וויפיעל פון צווישען אָט די אומבעהאָלפענע אַלטע לייט האָבען זיך אין זיינער צייט אַרויסגעוויזען אַלס נוציגע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וויפיעל האָבען אין זיינער צייט, לויט זייער מעגליכקייט, געשטיצט און געהאָלפען אַנדערע.

און ענדליך, ווייפעל פון זיי, וואָס האָבען אָנגעוואָרען די כחות ביי שווערע אַרבייט, גייען אויס נאָך אַ היים און אַ רוה.

און איבערהויפּט, וויפיעל פון זיי האָבען נאָך אין דער פריהסטער

יוגענד זיך מקריב געווען, כדי צו גרויסען דעם נאָמען פון גאָט און ישראל.

מיר פערהייליגען דעם אָנדיינק פון אונזערע העלדען פון גייסט פון אַלע צייטען, וועלכע האָבען מקריב געווען זייער לעבען פאַר אונזער הייליגער אמונה און די גרויסע געבאָטען פון אונזערע אבות — זייערע נעמען זיינען פעראויביגט אין אונזער געשיכטע זיי זיינען פערשריבען אין די פנקסים מיט בלוט פון אונזער הארצען, מיט טרערען פון אונזער נשמה.

און וויפיעל אַזעלכע הייליגע מאַרטירער זיינען דאָ צווישען אונזערע ברידער — אַלטע לייט?

„שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך".

„פרעג דיין פאָטער וועט ער דיר ערקלערען, דיינע זקנים — וועלען זיי דיר זאָגען" ווי אונזערע גרויסע עלטערען האָבען אין זייער יוגענד מקריב געווען זייער גאַנצען לעבען פאַר'ן גלויבען.

„נגש והוא נענה ולא יפתח פיו כשה לטבח יובל וכרחל לפני גוזיה נאלמה ולא יפתח פיו".

„יעדער איינער פון זיי איז געוואָרען געפייניגט, און ביי אַלע זיינע ליידען האָט ער ניט אויפגעמאַכט דעם מויל, אַזוי ווי אַ שעפעלע, וואָס מען פיהרט צו דער שחיטה און ווי אַ שעפס שטום פאַר איהרע שערער, אַזוי אויך ער האָט ניט פאַנאַנדערגענומען די ליפען".

אָט זיי, אונזערע זקנים, האָבען מיט מעשים דערוויזען ווי טייער עס זיינען פאַר זיי די פאָרשריפטען פון אונזערע אבות; דינענדיג 25 יאָהר אַלס זעלנער, לויט די שטרענגע פאָרשריפטען פון יענער צייט, זיינען זיי שטענדיג געווען גרייט צו פערגיסען זייער בלוט פאַר'ן כבוד און רוהם פון זייער היימאַט, זיי האָבען מיט אמת און גלויבען אָפּגעהיט די הייליקייט פון אונזער אמונה.

ווי די אמת'ע העלדען, האָבען זיי מיט זייער לעבען פערטיידיגט דעם כבוד פון דער אידישער פאָן, איהר קיינמאָל ניט בעפלעקט,

און דורך דעם האָבען זיי גרויס געמאַכט דעם נאָמען פון ג' און ישראל.

ווען מיר, אייערע אייניקלאך, גייסטיג שוואַכע, וועלכע קענען זיך ניט געגענשטעלען די רייצען פון לעבען, לעזען וועגען אייערע העלדישע טאַטען, וועגען אייער שטאַלענעם ווילען, וועגען אייער פעסטקייט פון גלויבען — דאַרפען מיר, ניט ווילענדיג, זיך בויגען פאַר אייך, און צו אונזער חרפה, דאַרפען מיר מודה זיין, אַז צווישען אונז זיינען דאָ ווייניג אייניקלאך, וואָס זאָלען זיין ראוי פאַר אַזעלכע זיידעס. ווייל וויפיעל זיינען דאָ צווישען אונז אַזעלכע, וואָס פאַרקויפען די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינזען, וואָס, פאַר אַ בעסערער קאַריערע, פאַר אַ מעהר בעקוועמען מעמד אין דער געזעלשאַפט זאָגען זיי זיך אָפּ פון אונזערע געבאָטען און אונזער לעהרע?

און מיט וואָס בעלוינען מיר אייך? מיט וואָס בעמיהען מיר זיך אייך אָפּצאָהלען כאָטש אויף אייערע עלטערע יאָהרען, לויט אייער פאַרדיענסט? נאָר זאָלען מיר פאַרגעסען דאָס פאַרגאַנגענע.

„ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה".

„געבענשט ביזטו ג' אונזער ג' הערשער פון דער וועלט וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו דערלעבען היינטיגען טאָג", דעם טאָג פון אונזער גרויסען יום-טוב — אין וועלכען מיר פייערן די גרינ-דונג פון אונזער מושב-זקנים.

איך בעגריס אַלע מיטגליעדער פון דער געמיינדע מיט היינטי-גער גראַנדיעזער פייערונג. פון היינט אָן וועט איהר, אונזערע ברי-דער און שוועסטער, ניט דאַרפען מעהר וואוינען אין אָרימע הייז-לאך, אין נאַסע קעלערס, אָדער אין פינסטערע ווינקלען, נאָר איהר וועט זיך געפינען אין אַ בעקוועמער, אָנגענעהמער הויז, אין גינס-טיגע בעדינגונגען פאַר אייער געזונט.

אין נאָמען פון דער געמיינדע, אין נאָמען פון די אויפגענומענע זקנים און אין מיין אייגענעם נאָמען בעגריס איך אייך, גאָט-גע-

בענשטער מאָיסיעי אַקימאָוויטש פאַר אַלע אייערע גוטע מעשים וואָס איהר האָט געטאָהן אין בעצוג צו אָט די בעליידיגטע פון גורל.

אייער וואָהלטעטיגע האַנט האָט אַרויסגעבראַכט די אין דער פינסטער זיצענדע אויף גאָט'ס ליכטיגער וועלט, איהר האָט זיך ענט־פּלעקט פאַר זיי אַלס דער אמת'ער מלאך המושיע. דורך אייערע הענט האָט דער אויבערשטער זיי געשיקט זיין רעטונג. „לשום לכם שארית בארץ ולהחיות לכם לפליטה גדולה".

„כדי זיי צו לאָזען אויף דער ערד און צו ערהאַלטען זייער לע־בען פאַר אַ גרויסער צוקונפט".

ווי גרויס איז אייער בעלוינונג! מיר ווייסען, אַז איר פאָדערט ניט אונזער דאַנקבאַרקייט. זייענדיג דורכגענומען מיט דער גרוי־סער זאַך, האָט איר זיך ניט בערוהיגט ביז איהר האָט ניט פער־ווירקליכט אייער וואָהלטעטיגען פּלאַן.

אין משך פון איין יאָהר איז אויפגעבויט געוואָרען די וואונ־דערבאַרע געביידע און צום בעשטימטען טערמין האָט איהר גע־עפענט די טירען פאַר אַלע וואָס נויטיגען זיך אין אַפּרוה.

מיר אַלע דאַנקען ניט, נאָר פרייען זיך מיט אייער פרייד, ווייל וואָס קען זיין אַנגענעהמער ווי דער בעוואוסטזיין פון אַ ערפיהל־טען חוב פאַר ג' און פאַר לייטען.

אויב אין וואָהלטעטיגע מעשים איז קנאה ערלויבט — ווי בין איך אייך היינט מקנא און ווי שטאַרק גאַרט מיין נשמה צו פיהלען באָטש אַ טייל פון דעם גרויסען גליק וואָס איהר לעבט היינט דורך.

נאָר מיר אַלע אנערקענען, אַז גאָטס ברכה דאַרף זיין אייער שכר.

דאָס רייכטום מיט וועלכען גאָט האָט אייך געבענשט האָט ניט אַרויסגערופען ביי אייך קיין גאוה און ניט פאַרשטיינערט אייער האַרץ, נאָר פאַרקערט — געדיענט אַלס מיטעל צו גוטע מעשים.

אַלע אונזערע שטאָדטישע וואָהלטעטיגע מוסדות לויבען אייערע



איין אַדרעס פון מירער ישיבה צום יוביליאַר

טאָטען; אַלע אונזערע בילדונגס־אַנשטאַלטען גרויסען אייערע מעשים טובים.

אָבער דער לעצטער, ד. ה. דער איצטיגער טאָט שטייגט אַריבער אַלץ.

שלמה המלך איז מתפלל צום אויבערשטען: ראש ועשר אל תתן לי הטריפני לחם חקי פן אשבע וכחשתי ואמרתי מי ה' ופן אורש וגנבתי ותפשתי שם אלקי". „אָרימקייט און רייכקייט זאָלסטו מיר ניט געבען, שפּייז מיר לויט מיינע בעדערפנישען, טאָמער וועל איך איבערזעטיגט ווערען — וועל איך לייקענען און פרעגען וואו איז ג', טאָמער וועל איך אָרים זיין, וועל איך גנב'ענען און לעסטערן ג'ס נאָמען".

אָרימקייט איז ניט קיין שאַנדע, אָבער אָפט, זייענדיג געדריקט טוט דער מענש אַזעלכע זאַכען, אויף וועלכע ער וואָלט זיך, ביי בעסערע בעדינגונגען קיינמאָהל ניט ערלויבט.

רייכקייט פערבלענדעט אָפט, זייער אָפט, די אויגען, פאַרשטעלט דעם שכל און פאַרשטיינערט די הערצער פון איהרע בעזי־צער. רייך־געוואָרענע מענשען מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער בע־טראַכטען זיך ניט ווילענדיג, אַלס העכערע בעשעפענישען, צוקו־קענדיג ווי אַלע דרייען זיך אַרום זיי, זוכען זייער בעקאַנטשאַפט, זייער נאָהנטקייט.

וועגען אַזעלכע מענשען זאָגט ריכטיג קהלת: רעה חולה ראיתי תחת השמש עשר שמור לבעליו לרעתו". „אַ שרעקליכע ערשיי־נונג האָב איך געזעהן אונטער דער זון: רייכקייט וואָס ווערט צו־נויפגעזאַמעלט צום שאָדען פון זיין אייגענטימער. דער סוף וועט זיין, אַז „ואבד העשר ההוא בענין רע", „אַט דאָס רייכטום וועט פאַרלאָרען גיין דורך אַ שלעכטען צופאַל".

ס'זיינען אויך דאָ צווישען אונז ניט ווייניג פון ג' געבענשטע מיט רייכטום, וועלכע האָבען די בעסטע נויגונגען, די בעסטע וואונשען אין בעצוג צום נאָהנטען, אין בעצוג צו די וואָס נויטיגען זיך אין הילף.

„איש אשר יתן לו אלהים עשר ונכסים וכבוד ואיננו חסר לנפשו מכל אשר יתאוה ולא ישליטנו האלהים לאכל ממנו, ואיש נכרי יאכלנו, זה הבל וחלי רע הוא". ס'איז דאָ ווען ג' גיט אַ מענשען רייכטום און פערמעגען און כבוד און עס פעלט איהם גאָרניט פון אַלץ וואָס זיין הארץ גלוסט, אָבער דער אויבערשטער גיט איהם ניט קיין מאַכט דאָס אויסצונוצען, און אַ פרעמדער וועט פון דעם הנאה האָבען — דאָס איז נישטיג און טרויעריג.

„זה מתת אלהים היא אשר נתן אלהים עשר ונכסים והשליטו לאכל ממנו ולשאת את חלקו ולשמח בעמלו".

„דאָס איז אַ ברכה פון ג' ווען דער אויבערשטער גיט איינעם רייכטום און פערמעגען און גיט עס אויך די מאַכט מיט דעם זיך צו בענוצען, צו נעמען זיין טייל און געניסען פון זיין אַרבייט".

איהר מאָיסיעי אַקימאָוויטש, אַט דער אויסדערוויילטער פון ג' וועמען דער אויבערשטער האָט געגעבען די מעגליכקייט צו בענוצען אייער רייכטום פאַר אייך און פאַר אַנדערע.

איהר האָט פאַרדינט מיט אייערע אייגענע אויגען צו זעהן אייער בעלוינונג, איהר האָט פאַרדינט צו עסען פון די פרוכט פון עייערע מעשים טובים, און ווי גרוים איז דער גליק אייערער!

מיר האָפען, אַז דער אויבערשטער וועט קיינמאָהל ניט אָפּטאָהן זיין גרויסען חסד פון אייער הויז.

ווער עס טוט גוטס מענשען וועט איהם דער אויבערשטער מיט גוטס בעצאָהלען.

איך וועל פערענדיגען מיין רעדע מיט אַנ'אַלטער אידישער פאָלקס־ערצעהלונג.

עס האָט געלעבט פאַרצייטענס אַ אָרימער מענש, וועלכער האָט מיט גרוים מיה פאַרדינט זיין אָרימען ברויט. אָבער דער אויבער־שטער האָט איהם געבענשט מיט אַ גוטע הארץ און ער פלעגט זיך שטענדיג טיילען מיט זיין טרוקען שטיקעל ברויט מיט אָרימערע פון זיך. זיינע גוטע טאַטען זיינען ניט געבליבען אין הימעל אומ־בעמערקט. אַלס שכר האָט מען עס בעשטימט זיבען יאָהר גליק.

מיט דער בשורה טובה האָט מען צו איהם געשיקט אליהו הנביא. קומט צו איהם אליהו, זאָגט איהם אָן וועגען דעם פאַרשטייענדען גליק און פרעגט איהם — ווען ווילסטו בעקומען דעם צייטווייליגען גליק, איצט אָדער אויף דיינע עלטערע יאָהרען?

אונזער אָרימער האָט געטראַכט און געטראַכט: ס'איז אַזוי ניט גוט און אַזוי ניט גוט. עס וואָלט זיך איהם געוואָלט גליקליך דורכ־מאַכען די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, אָבער ס'איז קיין כח ניטאָ זיך צו דערוואַרטען.

— ניין, זאָגט ער ענדליך צו אליהו הנביא, ס'איז ניטאָ קיין כח צו וואַרטען און דעריבער, אויב דער אויבערשטער וויל חסד טאָהן מיט זיין קנעכט, זאָל ער מיר גלייך שענקען די ישועה.

ער האָט ניט בעוויזען זיך אַרומצוקוקען, ווי אַלץ האָט זיך מיט אַמאָהל איבערגעביטען. ער איז שוין מעהר ניט געזעסען אין קיין הייזעל, נאָר אין אַ פּאַלאַץ. דער טיש געגרייט מיט די בעסטע מאכלים, די בעדיענער וואַרטען אויף זיינע פאַרזאָגען. זיין רייכטום אין אָן אַ ברעג.

אַנ'אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט משוגע געוואָרען פון אַזאַ פּלוצלונגדיקען שנוי.

אונזער געוועזענער אָרימאַן האָט אָנגעהויבען טיילען זיך מיט זיין רייכטום מיט אַלע נויטבעדערפטיגע, ער האָט ברייט פאַ־נאַנדערגעעפענט פאַר זיי די טירען פון זיין הויז און קיינער איז פון איהם ניט אַוועק מיט ליידיגע הענד.

ער האָט אונטערשטיצט אַלע וואָהלטעטיגע אינסטיטוציעס און בילדונגס־אַנשטאַלטען פון זיין געמיינדע. ער האָט אויך אויסגעבויט אַ נייעם מושב זקנים פאַר די פערלאָזענע אַלטע לייט.

ביי אַ גליקליכען לעבען גייט די צייט אַריבער אומבעמערקבאַר. ער האָט ניט בעוויזען זיך אומצוקוקען ווי דער זיבען־יעהריגער טערמין איז דורכגעלאָפען.

פּלוצלינג בעווייזט זיך אליהו הנביא און בעט צוריק דאָס

רייכטום. אונזער העלד פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און זאָגט מיט אַ פעסטער שטימע: — געטליכער נביא, גיי צום אויבערשטען און זאָג, אַז אויב איך האָב שלעכט בענוצט דאָס געגעבענע פון ג׳ רייכטום, אויב דאָס וועט איבערגעגעבען ווערען אַנ׳אַנדערען וועלכער וועט קענען בעסער פון מיר זיך בעגיין מיט דעם, טאָ נעם צו אַלץ וואָס דו האָסט מיר געבראַכט מיט זיבען יאָהר צוריק.

אליהו הנביא איז אַוועקגעגאַנגען. ער איז אַוועק צו ג׳ — אָבער מעהר איז ער שוין ניט צוריקגעקומען.

און עס לעבט אונזער בעל־צדקה און טוט גוטס ביז היינטיגען טאָג.

טייערער מאָיסיעי אַקימאָוויטש, אויך אייך איז געגעבען געוואָרען דאָס רייכטום דורך ג׳, אויך איהר האָט פאַרשטאַנען ווי דאָס אויסצונוצען אויף גוטע מעשים, און דעריבער זאָגען מיר אייך פאָראויס, אַז גליק וועט אייך דיענען אַלע טעג פון אייער לעבען.

איינינע אדרעסען
צום אכציג־יאהרינען געבורטס־טאג
פון דעם יובילאר מ. גינזבורג.

הסתדרות „תרבות“
אָפּטיילונג פון ראַדזיווילאָוו

צום זייער חשוב'ן און בערימטען נדבן
ה' משה גינזבורג אין פּאַריז.

בעטראַכטענדיג די וויכטיגקייט פון לערנען און ערציאונג פון יונגען דור, פיהלען מיר פאַר זיך אַנ'אַנגענעהמען פליכט אויסצודריקען אייך אין דעם אַכציג־יאָהריגען געבורטס־טאָג אייערען, געערטער נדבן, וועלכער האָט אַזוי פיעל געטאָן און געזאָרגט לטובת די בילדונג פון פריערדיגען דור אין אייער און אונזער געבורטס־שטאָט — די ברכות וואָס דרינגען אַרויס פון וואַרימע הערצער פון קליינע און גרויסע.

דער אויבערשטער זאָל אייך שיינקען לאַנגע יאָהרען און אַ טיפען עלטער — צו אייער גליק און צום נוצען פון דער מענשהייט און פון פאַרפּייניגטען אידישען פאָלק, איר זאָלט ווייטער קענען טאָן לטובת דער בילדונג און ערציהונג פון אידישע קינדער און זאָלט האָבען די מעגליכקייט צו טאָן צען מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל איר האָט געטאָן ביז איצט.

זייט געבענשט!

אונטערגעשריבען:

די לערער פון דער שולע
פערוואַלטונג פון שולע און פערוואַלטונג פון אָפּטיילונג „תרבות“
דער בוי־קאָמיטעט פון דער שולע
די קינדער פון אַלע קלאַסען פון דער שולע.

ראַדזיווילאָוו, 5־טער דעצעמבער (תרצ"ב) 1931.

שעף־ראַט פון פאַריזער
קאַיוטען־קאָמפּאַניע

זייער געאַכטעטער מאָיסיעי אַקימאָוויטש!

שוין איבער פופציג יאָהר ווי די מאַטראָסען־פאַמיליע באַגעגנט זיך מיט אייך, זעהענדיג שטענדיג אייער פריינדליכע בעציהונג, האַרציגע בענעהמונג און גוטסקייט.

אייער שטענדיגע און ברייטע הילף איז אונז טייער איבערהויפּט איצט, אין די גלות־יאָהרען, ווייל פיעל פון אונז — דער עיקר די פאַריתום'טע משפּחות — וואָלטען אָן דעם זיך געפונען אין אַ ניט־אויסגאַנגבאַרע לאַגע.

דער שעף־ראַט פון פאַריזער קאַיוטען־קאָמפּאַניע בעט אייך אין נאָמען פון פלאָט־משפּחה אָנצונעמען דעם אויסדרוק פון איהר טיע־פער דאַנקבאַרקייט און דעם וואונש פון געזונד און גליק, פאַר אייך און אייער פרוי, אויף אַ סך יאָהרען.

אונטערגעשריבען:

אַדמיראַל רוסין
וויצע־אַדמיראַל פּ. באָסטרעם
וויצע־אַדמיראַל קעדראָוו
פלאָט־גענעראַל־מאַיאָר באַר. נ. טיפּאָלט
פלאָט־גענ.־לייט. אַ. בריגער
וו. מ. סוד. ווער. גענ, לייט. טוויאָרדי
גענ.־מאַיאָר פון פלאָט ל. קאָ־וועסקי
אינז.־מעכ. מ. פּ. יערמאַקאָוו
קאַפּ. 1 ראַנג וו. דמיטריעוו
קאַפּ. 1 ראַנג ד. רודענסקי
קאַפּ. 1 ראַנג סאָבעסקי
קאַפּ. 2 ראַנג יאַקאָוולעוו
קאַפּ. 2 ראַנג פיליפּענקאָ
קאָנטר־אַדמיראַל פּאָסאָכאָוו
קאַפּ. 1 ראַנג רודניעוו
לייט. גאַלאַנין

פּאַריז, 1928.25.11.



J. Wielmożny Pan Mojżesz Ginsburg.

Chcąc uczcić zasługi i ofiarność J. W. Pana położone dla dobra m. Radziwiłłowa jak również pragnąc uwiecznić nazwisko Jego we wdzięcznej pamięci mieszkańców rodzinnego miasta, Rada miejska na posiedzeniu w dniu 18 kwietnia 1931 r. uchwaliła nadać ulicy Krzemienieckiej od zbiegu ulic 3 Maja i Kościelnej do ulicy 11 Listopada nazwę „Ulicy Mojżesza Ginsburga".

Zarząd miasta Radziwiłłowa

Vice-Burmistrz — MAGISTRAT M. RADZIWIŁŁOWA — Burmistrz

Ławnik

די אָפיציעלע נאָכריכט דעם יוביליאַר אַז אַ גאַס אין ראַדזיווילאָוו
וועט טראָגען דעם נאָמען „משה גינזבורג"

Dyplom
Honorowego Obywatelstwa m. Radziwiłłowa
J. Wielmożnego Pana Mojżesza Ginsburga

Za zasługi i ofiarność położone dla dobra m. Radziwiłłowa, powiatu Dubieńskiego na Wołyniu, Rada Miejska w dniu 30 czerwca 1930 r. uchwaliła nadać J. Wielmożnemu Panu Mojżeszowi Ginsburgowi tytuł Honorowego obywatelstwa tegoż miasta.

Zarząd miasta Radziwiłłowa

Vice Burmistrz — MAGISTRAT M. RADZIWIŁŁOWA — Burmistrz

Ławnik

דער עהרען-בירגער דיפּלאָם דעם יובּיליאַר פון ראַדזיווילאָוו

רוסישע געזעלשאַפט פון רויטען קרייץ
(אַלטע אָרגאַניזאַציע)
קאָמיטעט צו העלפען קראַנקע
אונטערן פּאָרזיץ פון דער גרעפין
א. י. ש ו א ו ו א ל אָ ו ו

זייער חשוב'ער הער מאָיסיעי אַקימאָוויטש!

אין אייער אַכציג־יאָהריגען געבורטס־טאָג האָט דער קאָמיטעט צו העלפען קראַנקע פון דער רוסישער געזעלשאַפט פון רויטען קרייץ אונז בעפולמעכטיגט אייך צו בעגריסען און אויסצודריקען אייך דעם בעסטען דאַנק פאַר דעם שטענדיגען, במשך פון אַ רייהע יאָהרען, האַרציגען און אַקטיווען מיטגעפיל צו דער אַרבייט פון קאָמיטעט, און פאַר דער פיעלמאָליגער הילף.

אייערע שיינע נדבות האָבען אונז ניט איין מאָהל געגעבען די מעגליכקייט צו העלפען רוסישע קראַנקע אין שווערע מאָמענטען פון זייער לעבען אין דער פרעמד, ווען די קראַנקהייט האָט ביי זיי צו־גערויבט דעם פאַרדינסט און די מיטלען צום עקסיסטענץ.

ניט קיין קלייינער צאָהל אומגליקליכע, וואָס האָבען גענאָסען פון אייער הילף, דערמאָנען מיט דאַנקבאַרקייט, אין דעם פייערליכען טאָג, אייער נאָמען און אייער גוטסקייט, זייער געשעצטער מאָיסיעי אַקימאָוויטש, און צוזאַמען מיט אונז, אויפריכטיג, ווינשען זיי אייך געזונד און אַלדאָס גוטס אויף לאַנגע יאָהר.

פּאָרזיצערין פון קאָמיטעט:

גר. א. ש ו א ו ו א ל אָ ו ו.

צענטראַלע פערוואַלטונג פון דעם
פאַרבאַנד פון
רוסישע מלחמה-אינוואַלידען
אין פראַנקרייך

5-טער דעצעמבער 1931.

אייער עקסעלענץ

הויכגעשעצטער מאַיסיעי אַקימאָוויטש!

אין נאָמען פון אַלע אינוואַלידען פון פאַרבאַנד פון די רוסישע מלחמה-אינוואַלידען אין פראַנקרייך, בעגרים איך אייער עקסעלענץ מיט דעם פייערליכען טאָג פון דעם אַכציג-יאָהריגען יובילײ פון אייער בערימטער, העכסט-עהרליכער און פולשטענדיגער דינסט דער פאָטערלאַנד אויף דעם מלוכה'שען, געזעלשאַפטליכען און וואָהל-טעטיגען געביט.

דער אויבערשטער זאָל אייך געבען כח און געזונד אויף נאָך אַ סך, אַ סך יאָהרען.

נעמט אָן אונזער פאַרזיכערונג אין פולשטענדיגען דרך־ארץ און איבערגעגעבענהייט.

פאָרזיצער פון פאַרבאַנד:
גענעראַל־מאַיאָר (אונטערשריפט אומלעזבאַר).
סעקרעטאַר־פאַרטרעטער:
פאָרפאָלקאָווניק ק אָ ס ט אַ נ ד אַ.

צו זיין עקסעלענץ מ. א. גינזבורג.

לאנדאנער פעדעראציע פון די אידישע
הילפס־ארגאניזאציעס

צו ה׳ מ. א. גינזבורג, פאריז.

זייער חשוב׳ער מאסיעי אקימאוויטש

די לאנדאנער פעדעראציע פון די אידישע הילפס־ארגאניזאציעס רעכענט פאר זיך אלס אנגענעמען חוב און הייליגען פליכט צו בע־גריסען אייך צו דער גליקליכער פייערונג פון אייער אכציג־יאהריגען יובילעי.

די פעדעראציע פאראייניגט זיך צו אלע אנדערע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס, וועלכע פארעכענען את דעם פרייליכען פאל אויך פאר זייער יום־טוב, וויסענדיג אייער שטענדיגע איבערגעגעבענקייט צו די אינטערעסען פון פאראמטע אידישע מאסען און די גרייט־קייט צייט צו העלפען ניט מיט ווערטער אליין, נאר אויך מיט מעשים.

די פעדעראציע דאנקט אייך זייער פאר די אונטערשטיצונג, וואס זי האט שטענדיג פון אייך בעקומען אין עבר און זי האפט, אז ג׳ וועט אייך שיינקען לאנגע יאהרען און איר וועט שטענדיג אויך אין עתיד זיך נאענט אינטערעסירען מיט די באדערפענישען פון דעם פאראמטען רוסיש־אוקראאינישען אידענטום, וועלכער, צום אומ־גליק, נויטיגט זיך אין הילף איצט נאך מער ווי אמאל.

דער אויבערשטער זאל פארלענגערען אייערע יאהרען צום וואויל־שטאנד פון אידישען פאלק.

מיט אויפריכטיגען דרך־ארץ און טיפער איבערגעגעבענקייט.

ד״ר צ. י א כ ע ל מ א ן.

פאַראייניגונג
פון די רוסישע זעמסטוועס
און שטאָטישע עסקנים

פּאַריז, 5־טער דעצעמבער 1931.

הויכגעשעצטער מאָיסיעי אַקימאָוויטש!

אין נאָמען און לויט די בעפולמעכטיגונג פון די „פאַראייניגונג פון די רוסישע זעמסטוועס און שטאָטישע עסקנים", האָבען מיר דעם כבוד אייך אויסצודריקען אונזערע וואַרימסטע און האַרציגסטע וואונשען לכבוד אייער היינטיגען אכציג־יאָהריגען געבורטס־טאָג.

פון גאַנצען האַרצען ווינשען מיר אייך געזונד, כח און מוט, כדי צו קענען פאָרזעצען אייער פרוכטבאַרע אַרבייט — צו העלפען דעם נאָענטען.

די פאַראייניגונג פון די זעמסטוועס און שטאָטישע עסקנים ווייס זייער גוט וויפיעל איר טוט מבשך פון דעם גאַנצען גלות־פּעריאָד פאַר יענער טייל פון דער עמיגראַציע, וועלכע ס'איז, מער אָדער ווייניגער, פאַרבונדען מיט'ן ים, פלאָטען־מאַכט און פלאָט־משפּחה. אָבער איר בעגנוגענט זיך ניט מיט דער זייער בכבודיגער אויפגאַבע צו העלפען די מאַטראָסען, איר גייט ווייטער און אייך זיינען גאָר ניט פרעמד די נויטען פון די אַנדערע עמיגראַציע־קאַטעגאָריעס. אונזער פאַר־אייניגונג ווייס דורך ערפאַרונג, וויפיעל אַקטיווע סימפּאַטיע און גרויסמוטיגע אונטערשטיצונג עס רופט אַרויס ביי אייך די געזעל־שאַפטליכע שטרעבונג אָפּצושוואַכען די נויט צווישען די קינדער, העלפען די שילער פון די מיטעל־שולען א. א. וו.

איר זאָגט קיינמאָל ניט אָפּ די בקשות וועגען פאַרשטאַרקען דעם פאָנד אויף אויסצוהאַלטען דעם קינדער־היים, צוגלייך ווי איר שטיצט דעם פאָנד אויף אויסצוהאַלטען סטיפּענדיעס פאַר שילער.

פֿאַר דאָס אַלץ פֿילט צו אייך די „פֿאַראייניגונג פֿון די זעמסטוועס און שטאָטישע עסקנים“ די טיפֿסטע אַנערקענונג, און אין אייער אַכציג־יאָהריגען געבורטס־טאָג רעכענט זי פֿאַר נויטיג, צוזאַמען מיט איהר בעגריסונג און צוּוואוּנשונג, אויסצודריקען אייך די דאַנקבאַר־קייט פֿון די אַלע, וועמען איר קומט צו הילף אַזוי שטיל און גרויס־מוטיג.

מיר בעטען אייך, הויכגעשעצטער מאָיסיעי אַקימאָוויטש, גלויבען אין אונזער אויפֿריכטיגער אַכטונג.

פֿאָרזיצער:

אונטערשריפֿט אומלעזבאַר.

פֿאַרוואַלטער:

אונטערשריפֿט אומלעזבאַר.

פאַראיין פון רוסישע דיפּלאָמירטע
אינזשענערען אין פראַנקרייך

פּאַריז, 5־טער דעצעמבער 1931.

הויכגעשעצטער מאָיסיעי אַקימאָוויטש!

די פערוואַלטונג פון פאַרבאַנד רעכענט פאַר איין אנגענעמען פליכט אייך אויסצודריקען איר אויפריכטיגע באַגריסונג לכבוד אייער אַכציג־יאָהריגען געבורטס־טאָג און ווינשען אייך פיעל געזונד אויף אַ סך יאָהרען, כדי איר זאָלט קענען פאָרזעצען אייער נוציגע טעטיגקייט בנוגע דער אונטערשטיצונג פון יעדער רוסישער זאַך.

אַלע רוסען ווייסען וועגען אייערע אומערטרעגליכע שוועריגקייטען בשעת דער יאַפּאַנישער מלחמה, ווען אַ דאַנק אייער אומערמידליכער ענערגיע און גלענצענדען אָרגאַניזאַציע־טאַלאַנט, האָט איר, ביי אויסערגעוויינליך שווערע באַדינגונגען, באַוויזען צוצושטעלען פאַר דעם רוסישען פלאָט פון ווייטען מזרח הייץ־מאַטעריאַל, וועלכער איז איהם געווען אומבאַדינגט נויטיג.

ניט אומזיסט האָט אייך אייער דור אַ נאָמען געגעבען „דער פאָרט־אַרטורער גינזבורג“.

מיר בעטען אייך צונעמען די פאַרזיכערונג אין אויפריכטיגער אַכטונג און איבערגעגעבענקייט.

פּאָרזיצער פון פאַרבאַנד: (נ. איזנאַר)

סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד: (נ. זוראַבאָוו)).

געזעלשאַפט פון פריינד פון די
אידישע סטודענטען

הויכגעשעצטער מאָיסיעי אַקימאָוויטש!

דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט פון פריינד פון די אידישע סטודענטען באַגריסט אייך הערצליך אין אייער אַכציג־יאָהריגען געבורטס־טאָג.

אין אייער טעטיגקייט האָט איר מיט אַ בעזונדער אויפמערקזאַמקייט זיך בעצויגען צו די בעדערפענישען פון דער שטודירענדער יוגענד. נאָך אין פעטראָגראַד זייט איר געווען איינער פון די גרינדער פון דער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען העכערע בילדונג, וועלכע האָט אַזוי פיעל געטאָהן פאַר סטודענטען, און אויך דאָ אין דער פרעמד האָט די שטודירענדע יוגענד אָן אויפהער געפונען איין אָפּקלאַנג אין אייער גוט־האַרץ.

ערלויבט אונז אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט אייך אויסצודריקען אונזער אויפריכטיגען דאַנק און ווינשען אייך צו טאָהן גוטס נאָך אַ סך יאָהר.

עהרען־פּאָרזיצער: ראַבינער מ. אייזענשטאַדט

פאָרזיצערין: ס. גאָלדשטיין

סעקרעטאַר: מ. סליאָזבערג.

אינהאלט

הקדמה — 5 — 6

קאפיטעל 1 — 7 — 17

קאפיטעל 2 — 19 — 25

קאפיטעל 3 — 27 — 31

קאפיטעל 4 — 33 — 47

קאפיטעל 5 — 49 — 52

קאפיטעל 6 — 53 — 59

קאפיטעל 7 — 61 — 64

קאפיטעל 8 — 65 — 70

די דרשה וועלכע עס האָט געהאַלטען דער ראַבינער ד"ר מ. א. אייזענשטאַדט ביים ערעפנען פון דעם „מושב זקנים" אין פעטערבורג — 73 — 84

איינינע אַדרעסען צום אַכציג־יאָהריגען געבורטס־טאָג פון דעם יובילאַר מ. גינזבורג — 87 — 95